# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 230 פרשת מטו"מ · תשפ"ד



## לערנט דעם ספר "עצתו אמונה"

דאס איז די ווערטער פון הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים זצ"ל זייט 5

היכל הקודש נייעס:
אנ"ש באוויינען די פטירה פון האשה החשובה מרת רייזל פארקאש ע"ה. זייט 3

וועלטליכע נייעס:
עף בי איי כאפט צוויי שטארק געזוכטע גענג פירער פון מעקסיקא. זייט 12

געשעענישן:
דער ראש ישיבה באזוכט אידן אין תפיסה. זייט 34

בית התבשיל
זונטאג מטות-מסעי

עלעגאנטע הכרת הטוב מסיבה לטובת

# בית התבשיל אהל ישעי'

אין קרית ברסלב זייט 47

# חזק חזק ונתחזק

"אז מען לערנט יעדן טאג אביסל חומש רש"י מיט'ן תרגום, דאס איז ריין יראת שמים"

קרית ברסלב בלעטל

פרשת פנחס תשפ"ד • 247

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
ישראל דוד העסקעל
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ש. ל. פליישמאן
שמעון עוזר פערל
ח. פ. וועבערמאן
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאשן
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

## לערנט עצתו אמונה



5

## געכאפט דראג באנדע

12




## באזוכט אידן אין תפיסה




6

5 בריוו
7 אלץ און אלעמען
8 געדאנקען
12 וועלטליכע נייעס
32 היכל הלכה
26 א טיפערן בליק
29 א סעודה ביים ר"י
32 רעסעפי
39 קינדער בלעטל

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069






# היכל הקודש נייעס



מוהרא"ש זי"ע אין ביהמ"ד היכל הקודש אויף העיס קט.

קרית יואל

## אנשי שלומינו באוויינען די פטירה פון האשה החשובה מרת רייזל פארקאש ע"ה

פארגאנגענעם דאנערשטאג איז אנגעקומען די שווערע בשורה איבער די פטירה פון די חשובע רביצין פון בית המדרש היכל הקודש קרית יואל מרת רייזל פארקאש ע"ה.

די נפטרת ע"ה האט זוכה געווען צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן פאר צוויי צענדליגע יארן, ווען פאר איבער אכצן יאר צוריק האט זי געעפענט ביי זיך אין שטוב דער ערשטער מנין פאר אנשי שלומינו אין קרית יואל, און דערנאך האט זי גענומען איר אייגענע דירה וואס פלעגט אריינברענגען א שיינע הכנסה, און עס געלאזט פארוואנדלען אין א בית המקדש מעט, א פלאץ פון השראת השכינה, פון ווי עס איז ארויס אין די אלע יארן אן א שיעור התחזקות, תורה, און אמונה פאר תושבי קרית יואל.

די נפטרת וועלכע פלעגט גערופן ווערן "באבי פארקאש" וואס זי האט זיך ערווארבן צוליב איר איבערגעבנקייט, ווען זי פלעגט זיך אפגעבן מיט די פרויען און קינדער פון אנשי שלומינו ווי א באליבטע באבע צו אירע קינדער און אייניקלעך, זיך פלעגט אלץ שטיין צו אלעמען צו די רעכטע האנט, און האט זיך שטענדיג געפריידט צו ארויסהעלפן.

זי פלעגט אלעס טון מיט אירע צוויי הענט אין די אלע יארן פאר'ן בית המדרש, זי פלעגט אנגרייטן די מזונות און טשאלנט פאר די קידוש יעדן שבת אינדערפרי, אזוי אויך פלעגט זי צוגרייטן אליינס די שלש סעודות. און אויסער וואס דאס אויפרוימען דאס בית המדרש האט זי גענומען אויף אירע פלייצעס פלעגט זי פלעגט כסדר זיך אומקוקן אויפן בית המדרש און רופן בעלי מלאכה צו פאררעכטן אלעס וואס האט נאר אויסגעפעלט.

זי האט געטריי זיך אפגעגעבן מיט איר חשוב'ע מאן יבלחט"א הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א, און ערצויגן אירע חשובע קינדער בדרך המסורה. זי פלעגט זיך אנשטרענגען יעדעס יאר, צו העלפן איר מאן און קינדער זאלן קענען פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן, א זאך וואס זי פלעגט טון מיט די גרעסטע מסירת נפש.

דער אייבערשטער האט איר געהאלפן אז זי האט געהאט די זכי' איבערצולאזן הערליכע דורות, קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים, פילע פון אירע קינדער און אייניקלעך וואס זענען מפיצים, פארציילן ווי די באבע ע"ה פלעגט זיי אלץ מחזק זיין, און זאגן אז דאס איז איר גרעסטע כבוד ווען זי הערט צוריק איבער אירע קינדער און אייניקלעך וועלכע קוקן נישט אויף זייער אייגענע כבוד, נאר זענען זיך מוסר נפש פאר אנדערע אידן.

די נפטרת ע"ה מיט אירע גרויסע זכותים וואס זי האט אריינגעכאפט אויף דער וועלט, האט מיט וואס ארויפצוגיין צו בית דין של מעלה. מיר אלע וועלן זיך אפלערנען צו גיין אין אירע וועגן, צו פאלגן צדיקים מיט מסירת נפש.

**מרת ריזל בת הרה"ח ר' ליפא ע"ה**

# בריוו צו די רעדאקציע

## איבער די כח פון הייליגן רבינ'ס ספרים, און נאך.

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל, יישר כח פאר די הערליכע אויסגאבע, און בפרט אז עס ערשיינט ווידער דעם רובריק "א סעודה מיטן ראש ישיבה", כה לחי!

אין די בלעטל פון פרשת פנחס האבן מיר בעז"ה אראפגעשריבן א חלק פון די דיבורי התחזקות והדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א שבת צופרי, יעצט וועלן מיר בס"ד ממשיך זיין און אראפברענגען נאך אפאר שיינע זאכן וואס דער ראש ישיבה האט דעמאלט גערעדט.

### צאנזער רב מיטן ליקוטי מוהר"ן

א אינגערמאן האט דערציילט אז ער איז געגאנגען הפצה אין כולל פון ק"ק קלויזנבורג, און איינעם האט דאס נישט אזוי געשמעקט, ביז איינער וואס האט דאס מיטגעהאלטן האט זיך אנגערופן צו אים, אז הרה"ק דער קלויזנבורגער רב זצ"ל האט זייער מחשיב געווען די ברסלב'ע ספרים, און דאס גייט נאך צוריק צום ראש השושלת, דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו, וואס דער קלויזנבורגער רב האט נאכגעזאגט אז דער ספר ליקוטי מוהר"ן איז געווען דעם צאנזער רב'ס שבת ספר, אזוי ווי מוהרא"ש ז"ע האט כמה פעמים נאכגעזאגט.

דא האט דער ראש ישיבה געבעטן איינער פון אנשי שלומינו, וואס קומט פון אן אנדערע חסידות פון די צאנזער גזע ער זאל דערציילן א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיטן הייליגן רבי'ן פון יענע חסידות, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט: "דאס זאלסטו אראפשרייבן".

האט דער אינגערמאן דערציילט, א חשוב'ער אינגערמאן פון אנשי שלומינו, מחשובי לומדי כולל היכל הקודש אין קרית ברסלב ליבערטי, האט איין טאג ביים גיין הפצה אנגעטראפן א באקאנטער פיגור אין יענע חסידות, און דער איד האט געזאגט פאר דעם מפיץ אז ער וויל אים דערציילן א מעשה. איינמאל איז ער אריין צום הייליגן רבי'ן פון די חסידות, און דער רבי האט אים געפרעגט וועלכע חסידי'שע ספרים ער לערנט די מערסטע, ער האט אויסגערעכנט עטליכע ספרים, צווישן זיי דעם ספר ליקוטי מוהר"ן, האט אים יענער רבי געזאגט: "ביי אונז האט מען געוויסט אז מ'שטייט ווייט פון די זאכן", האט ער געפרעגט זיין רבי'ן: "וואס הייסט? דער צאנזער רב האט דאך געזאגט אויפן ליקוטי מוהר"ן אז דאס איז זיין שבת ספר?! ווי אויך איז באוויסט פונעם הייליגן קדושת ציון זכותו יגן עלינו אז ער האט געלייגט דעם ספר סיפורי מעשיות צום קאפנס פון זיין זון הרה"ק מהר"ש ז"ע ווען ער איז געווען א קינד און זיך נישט גוט געשפירט", (מיר וועלן דאס אראפברענגען לויט ווי דער ראש ישיבה שרייבט דאס אין א בריוו: "אויך איז באוויסט אז דער קדושת ציון, הרב הקדוש רבי בנציון זכותו יגן עלינו ווען זיין זון דער באבובער רב, רבי שלמה - איז געווען א קינד, איז ער אמאל זייער קראנק געווארן, האט דער טאטע דער קדושת ציון געקויפט א סיפורי מעשיות און דאס געלייגט אין בעט פון רבי שלמה פאר א סגולה").

האט דער רבי געזאגט: "איך ווייס נישט... ביי אונז האט מען געוויסט אז מ'שטייט ווייט פון די זאכן..." דער איד איז געווען נבהל ונשתומם פון וואס דא קומט פאר, האט ער זיך אנגערופן: "קען זיין אז אינדערהיים אין גאליציע האט מען נישט מורא געהאט פון ברסלב, האט מען ערלויבט צו לערנען ליקוטי מוהר"ן, ווייל ברסלב איז געווען אין אוקריינע און אונזער גזע איז געווען אין גאליציע, ממילא האט מען נישט געהאט קיין התנגדות אויף די ברסלב'ע ספרים, אבער היינט אז מ'לעבט צוזאמען האט מען מורא אז מ'וועט פארכאפט ווערן און ברסלב, און ס'וועט שטערן פאר די חסידות, ממילא טאר מען עס נישט לערנען..."

דער ראש ישיבה האט אויך דערציילט פון א בעל מקובל וואס האט אסאך אנהענגערס ביים היימישן ציבור, אז ער האט געוואלט ארויפקומען צו אים מיט אן אפאוינטמענט, אבער ער האט אים נישט געוואלט אויפנעמען, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "איך האב געהערט פון מוהרא"ש אז מיט קבלה קען מען זייער אפפאפן מענטשן..."

### איבער הגה"צ רבי שמעיה גרינבוים זצ"ל

אויך האט מען געשמועסט פון הגה"צ רבי שמעיהו [ב"ר יהודה ארי'] גרינבוים זצ"ל, בעל מחבר ספר סייעתא דשמיא

אויף משניות, (זע אין בילד) וואס איז נארוואס נפטר געווארן, ל' סיון, א' דראש חודש תמוז, ווי ער פלעגט נעמען די ספרים פון מוהרא"ש מיט אזא ליבשאפט און שעצונג. ווי המפיץ הגדול רבי נתן יאקאבאוויטש שליט"א געבט איבער, פלעגט ער נאך פאר פערציג יאר צוריק קומען ספעציעל קיין לפידות קאנטרי אים מפיץ זיין, און רבי נתן האט מיר דערציילט, אז איינמאל האט ער מפיץ געווען עצתו אמונה פאר א גרופע אינגעלייט, און רבי שמעי' זצ"ל איז געזיצן נישט ווייט פון דארט, ער האט זיך אויפגעשטעלט און צוגעקומען צו די גרופע אינגעלייט און זיי געזאגט, ווייזנדיג אויף רבי נתן שליט"א: "קויפט די ספרים עצתו אמונה, דאס זאלט איר לערנען".

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די עלטערע דור סאטמערע דיינים און רבנים האבן זייער געהאלטן פון מוהרא"ש'ס ספרים און קונטרסים, און געשטופט מען זאל דאס לערנען, ווי אויך האט דער ראש ישיבה דערציילט פון א סאטמערער דיין וואס האט געזאגט פאר א אינגערמאן וואס איז זיך געקומען באקלאגן צו אים אז ער מוטשעט זיך מיט נסיונות, אז ער זאל לערנען עצתו אמונה, אזוי ווי מיר טרעפן אין א בריוו וואס דער ראש ישיבה שרייבט יום ד' פרשת בלק, י"ד תמוז, שנת ה'תשע"ט: "דעם שבת דערציילט מיר איינער פון די מפיצים אז א איד האט אים אנגערופן בעטן די ספרים פון עצתו אמונה, האט אים דער מפיץ געפרעגט: 'ווי קומסטו אן צו די ספרים וכו'?' האט דער איד געענטפערט: 'איך האב זיך אויסגערעדט פאר מיין דיין הרב הגאון ר' ... שליט"א, דומ"ץ ..., בעל מחבר ספר שאלות ותשובות ..., האט ער מיר גע'עצה'ט איך זאל לערנען די ספרים פון עצתו אמונה וועל איך האבן חיזוק אויף אלע ענינים'", ע"כ.

ווי אויך האט מען גערעדט פון א גרויסער באקאנטער רבי אין יוראפ, וואס קוויטלט זייער אסאך אידן פון ארום די וועלט, אז ער האט לעצטנס געזאגט פאר איינעם: "ס'איז דא איין זאך וואס קען דיר העלפן, זאלסט לערנען די ברסלב'ע ספרים".

## די ברסלב'ע קרוין

אינעם "א סעודה מיטן ראש ישיבה" איז געווען אראפגעברענגט איבער דעם ברסלב'ן קרוין, האב איך זיך דערמאנט אז איין טאג לעצטנס איז דער ראש ישיבה אריבערגעקומען אין הדפסה אויף א בליץ באזוך, רעדן מיטן מנהל ההדפסה, מוה"ר אשר יענקל הי"ו, האט דער ראש ישיבה אויך גערעדט וועגן דעם קרוין, אז דאס איז די כח פון די ספרים און די קונטרסים, ווייל אין אלע הייליגע ספרים שטייען מורא'דיגע זאכן, פארוואס האבן דעם רבינ'ס ספרים אזא כח צו מחזק זיין מענטשן, און אריינברענגען תורה ויראת שמים, נאר דאס איז דעם הייליגן רבינ'ס כח, און דאס איז די ברסלב'ע קרוין, און אן דעם קרוין וועט עס נישט האבן דעם כח.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינמאל איז צוגעקומען צו אים א איד פון א גרויסע חסידות, א גרויסער אנדרייער, און ער האט געזאגט פארן ראש ישיבה, אז ער רעדט אזוי גוט, נאר איין פראבלעם האט ער אז ער האט דעם ברסלב'ן קרוין, און ער רעדט בשם ברסלב, העט ער ווען אראפגענומען דעם קרוין וואלט ער געקענט כאפן די גאנצע וועלט... האט דער ראש ישיבה געזאגט [פאר אונז]: "אן דעם קרוין האבן די דיבורים נישט דעם כח".

המשך יבוא בעזרת השם

*יואל שניצלער, קרית ברסלב*



# א שטעטל וואס מ'טוט
# חסד
# איינער מיט'ן צווייטן



די ברסלב'ע שטעטל ווירבלט מיט חסד טאג און נאכט, מען העלפט ארויס אידישע קינדער, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט צו האבן א הארץ פאר א צווייטן איד.

דעם פארגאנגענעם וואך איז פארגעקומען א הערליכע אווענט פאר די חשובע ארגאניזאציע "בית התבשיל" וואס העלפט אנשי שלומינו א גאנץ יאר.

די אווענט איז ברוך השם געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע סוקסעס.

אויך איז דא אנשי שלומינו וואס טוען חסד מיט די אידן וואס זיצן אין תפיסות, דורך גיין זיי באזוכן, וואס דורכדעם ווערן זיי אויפגעלעבט און באקומען פרישע חיות ווייטער אנצוגיין.

דער ראש ישיבה האט אנגערופן אונזער חבר מו"ה מעכל ראזענפעלד הי"ו וואס באזוכט די אידן אין תפיסות, אז ער וויל אויך האבן די מצוה פון גיין אין די תפיסות. מ'האט טאקע געמאכט א צייט אז יעדן זונטאג זאל ער טראגן דעם ראש ישיבה מחי' זיין די עלנדע אידן.

ווי מען הערט פון ר' מעכל נ"י האט דאס ממש אויפגעלעבט די צובראכענע אידן ווען זיי האבן געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז זיי געקומען באזוכן, נאכדעם וואס זיי אליין האבן חיות פון די דרשות און קונטרסים א גאנץ יאר. אויב ווילט איר אויך האבן די מצוה פארבינדט אייך מיט ר' מעכל נ"י.

אזוי אויך איז דא מפיצים וואס גייען ארום אין די קאנטרי'ס און ביי גראסערי'ס וכדומה, מחי' זיין אידן מיט קונטרסים וואס גיבט זיי אמונה און חיזוק ווייטער אנצוגיין.

אזוי אויך שטילערהייט טוט מען חסד איינער פארן צווייטן יעדער אויף זיין וועג, וואס דאס איז דעם ראש ישיבה'ס רצון, אז מען זאל אלץ קוקן אויף א צווייטן אויב עס פעלט אים עפעס, און אים ארויס העלפן

**עולם חסד יבנה**



גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וואס איז פשט פון די נעמען פון די טעג פון די וואך, זונטאג, מאנטאג?

**שאלה: וואס איז פשט אז די נעמען פון די טעג פון די וואך הייסן "זון" טאג, "מאנ" טאג, "דינס" טאג, "דאנערש" טאג, "פריי" טאג, וואס באדייטן די ווערטער זון, מאן, דינסט, און אזוי ווייטער. בשעת אין לשון הקודש רופט מען זיי, יום א'/ראשון, יום ב'/שני וואס מיינט בסך הכל ערשטער און צווייטער טאג? און פארוואס הייסט נישט מיטוואך עפעס מיט "טאג" אזוי ווי די אנדערע טעג?**

**ענטפער:** ווי באקאנט קומט זייער אסאך ווערטער פון אידיש (און אויך פון ענגליש) פון די אלט-דייטשע שפראך, ווי מען קען זען אביסל פון די נעמען פון די וואך, זון - סאָן, טאג - דעי, מאנדעי, מיינט "לבנה" טאג, וואס אויף דייטש זאגט מען "מאנדע" פאר לבנה. די סיבה פארוואס אין דייטש האט עס באקומען די נעמען זענען צוליב אלטע איינרעדענישט איבער כחות און מזלות וואס הערשן אויף די טעג. דער זון האט באקומען די ערשטע טאג, די לבנה די צווייטע טאג, צדק האט באקומען די דריטע טאג - פרעג מיר נישט וואו דינסט קומט צו צדק, עפעס אן אלטע דייטשע איינרעדעניש. צו מיטוואך וועלן מיר באלד צוריק קומען, דאנערשטאג האט מען געגעבן פאר די "דונער" איינרעדעניש, און פרייטאג רעדט מען פון עפעס אן אנדערע דמיון.

די אלטע דייטשן פלעגן געבן א ספעציעלע חשיבות פאר מיטוואך, זיי האבן געהאלטן אז וויבאלד ער איז "אינמיטן פון די וואך" פארמאגט ער ספעצילע כחות, און האבן אים אזוי גערופון "מיטוואך". יעצט קומען מיר צו שבת. ווי אומגלויבליך עס הערט זיך איז שבת פונקט פארקערט. די נאמען אין דייטש פאר שבת קומט פון אונז פון אונזער שבת קודש.

די נאמען אין ענגליש סאַטורדעי, רעדט פונעם כוכב "שבתאי", אבער אין דייטש איז עס עפעס אנדערש. פאר הונדערטער יארן צוריק פלעגט מען רופן אין דייטשלאד דער טאג "סאַמבאַסטאַג" וואס מיינט פשוט "שבת טאג", וואס די נוצרים להבדיל האבן עס גערופן אויפן נאמען פונעם הייליגן שבת. היינט איז דער נאמען עטוואס פארדרייט געווארן אין די היינטיגע דייטש וואס הערט זיך בערך ווי "זאַמסטאַג".

אשרינו מה טוב חלקינו, מיר אידישע קינדער פרייען זיך יעדן טאג פון די וואך אז "עס גייט שוין קומען שבת", מען זאגט ביים יום, היום יום ראשון "בשבת", פון זונטאג קוקט מען שוין ארויס אויף דעם זיסן מתנה וואס מיר אידישע קינדער האבן באקומען פונעם אייבערשטן, א טאג וואס דער קאר ליגט שיין געפארקט, די שליסלעך אוועקגעלייגט, דער סעלפאן ליגט ביים טשארדשער, און מיר באקומען שכר פארן פארברענגען געשמאק מיט די משפחה. דער אייבערשטער באצאלט אונז אפילו אויף די וועלט פארן עסן גוטע זאכן שבת, פארן שלאפן אום שבת קודש.

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז מען דארף אויסנוצן דעם שבת צו רעדן אביסל מיט די קינדער, הערן וואס זיי מאכן, פארציילן א שיינע מעשה פון א צדיק, און אריינווארפן צווישן די ווערטער ווי דער ערליכער איד רעדט צום אייבערשטן, ער גרייט אן נעגל וואסער, ער מאכט ברכות, ער איז מוותר אפילו ווען עס איז שווער. ווען די מוסר גייט אריין אזוי ארייגעפלאכטן אין די מעשה גייט עס אסאך בעסער אריין ווי ווען מען זאגט אים "גרייט אן נעגל וואסער", "מאך ברכות".

יעצט איז נאך פאר שבת איז כדאי זיך אנצוגרייטן א שיינע מעשה פון א צדיק און זיך אראפ לאזן צו אונזערע קינדער, און אזוי וועט ארייגיין אין זיי א געשמאקע טעם אין שבת, זיי וועלן ליב האבן צו היטן שבת.

עס איז אויך כדאי זיך צו מאכן צייט שבת נאכמיטאג צו לערנען מיט די קינדער "אבות ובנים", זיי פארהערן. אבער דער ראש ישיבה זאגט אייביג אז מען זאל נישט שטעלן די קינדער אויף א קרייץ פארהער ביז מען "האט זיי געכאפט אז זיי קענען נישט", נאר פונקט פארקערט, העלף אים ארויס און ווייז אים "איך זעה אז דו קענסט זייער פיין", העלף דיינע קינדער וואקסן און בליען, און מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף מיט אסאך תפילות וועסטו זען פון זיי אסאך אידיש נחת.

**בא שבת בא מנוחה**

# געדאנקען

## משה ארי' שניצלער

# מ'דרילט אים די ציין

שבת קודש פרשת בלק, גייענדיג אין שול צו שחרית, אונטער די מוזיקאלישע געשווישצעכצער פון די קרית ברסלב'דיגע טויבעלעך אויף די שפיצן פון די פרק שירה ביימער וואס רופן אויס צום אייבערשטן אז אלעס וואס עס טוט זיך אויף דעם ערד קוגל איז זיס און לעכטיג און געשמאק און פונקטליך אויסגערעכנט צום טאקט, פלוצלינג זע איך מיין טייערע ברודער ר' יואל נ"י קומט מיר אנטקעגן.

אין די שפראך פון די וועלט וואלט איך געדארפט זאגן, מיין "קליינע" ברודער, ווייל ר' יואל איז געבוירן עטליכע יאר נאך מיר, ביי זיין אפשערן בין איך שוין געווען א ריזיגע טאטע בחור פון פערצן יאר וואס האט זיך געהאלטן קלוגער פון אלע זיבן ביליאן מענטשן אונטער די זון.

אבער מיין יונגערע ברודער איז נישט מיין "קליינע ברודער", מיין יונגערע ברודער איז גארנישט אזוי קליין, ער איז א גרויסער חלק פון דעם הייליגן אפאראט הנקרא "קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב", יעדע בריוו אין עצתו אמונה קוקט ער דורך אויב ס'איז דא עפעס וואס מ'דארף פאררעכטן, און נאך אנדערע וויכטיגע הפצה ארבעט וואס ער טוט מבוקר עד ערב, מידי יום ביומו.





אזוי זענענדיג מיין ברודער גייענדיג צוריק זיין פופציג מינוטיגע וועג צו אנפירן זיין בית המדרש "עצתו אמונה", אויף די טווין ברידזש גאס, טראכט איך, wow! פופציג מינוט אהין און צוריק! א שעה מיט פערציג מינוט! What a walk!!! און אלעס בלויז צו הערן דעם ראש ישיבה'ס שבת צופרי "זוהר שיעור" און "סידור עת רצון שיעור".

געבט א קוק וואס מיינט הפצה, געבט א קוק וואס מיינט פלאנצן קערעלער פאר די קומענדיגע דורות. ר' יואל נ"י איז געווען א אינגל פון צען יאר ווען איך בין מקורב געווארן, somehow איז ער איינמאל מיטגעקומען מיט מיר ביי שלש סעודות, און געהערט אז ס'איז דא אזא זאך ווי התבודדות, רעדן צום אייבערשטן. פונקט אין יענע טעג איז געווען א פראגראם אין זיין חדר וואס ס'איז געווען פיר גורלות, און ער האט זיך אויסגעלערנט די נייע זאך פון בעטן דעם אייבערשטן, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל געווינען אלע פיר גורלות, און ער האט געווינען אלע פיר גורלות! ער האט געזען אז תפלה איז א עכטע זאך! ס'ארבעט!  וואס א צען יעריג יונגל קען אלץ אנווערטשאפטן! אלץ מיטן כח פון רעדן צום אייבערשטן ווי א קליין יונגעלע!!

Fast forward דרייסיג יאר, און דאס יונגל איז אויסגעוואקסן א טיכטיגער עסקן וואס שטייט אונטער די וועכנטליכע עצתו אמונה וואס שטייט אונטער אסאך "נישט ברסלב'ע" מגידים, רבנים, מנהלים, ומחנכים, וואס ליינען די בריוון און רעדן צום אינגערן דור אז אידישקייט איז זיס, אז יעדע קליינע מצוה וואס מ'טוט איז זייער חשוב אין הימל און אז מ'קען אייביג אנהייבן פון ניי, נישט קוקן וואס איז געווען, וכולי וכולי.

דאס מיינט הפצה, דאס מיינט איינפלאנצן קערעלער וואס די פירות וועלן וואקסן דרייסיג יאר ארום!

דעמאלטס, אין יענע צייטן איז נאך בכלל נישט געווען קיין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, אפילו נישט אין ווייטסטן חלום (דעמאלטס איז נאך געווען בעפאר די "סעפטעמבער עלעוון אטאקע", וואס האט געהאט א דירעקטן שייכות מיט'ן עפענונג פון בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, וואס האט געשפילט א ערנסטע ראלע אין די סיפור התקרבות פון דעם ראש ישיבה שליט"א, און דערנאך די עפענונג פון באלד פערציג שול'ן "היכל הקודש" איבער די וועלט) נאר צו שלש סעודות איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שטוב פון איינער פון אנ"ש, גאר א גרויסער תלמיד חכם, אויף סאוט 9'טע סטריט. פון אנהייב איז געווען צוויי אבער דריי מענטשן, און ס'איז צומאל פארגרעסערט געווארן צו א גאנצע מנין אז מ'זאל נישט דארפן גיין דאווענען מעריב אין א שכינות'דיגן שול.

**היש הפצה גדולה מזו?! וויפל קאסט עס? א פושקע טונא?! א בילקע מיט זאלץ?!**

שטעל דיך פאר אז דו מאכסט א ברסלב'ע שלש סעודות אין דיין דיינונג רום פאר צוויי מענטשן מיט א צען יעריג אינגל, און דרייסיג יאר שפעטער וועט איינער פון זיי דרוקן א ברסלב'ע קונטרס יעדע וואך! היש הפצה גדולה מזו?! וויפל קאסט עס? א פושקע טונא?! א בילקע מיט זאלץ?!

שטעל דיך פאר דו געבסט לאקס מיט סעקשן חלה פאר א צען יעריג יונגל וואס וועט דרייסיג יאר ארום אוועקגעבן זיין הויז פאר א שול מיט א מקוה פאר אנשי שלומינו וואו מ'וועט ביי שלש סעודות פארלערנען די הייליגע אמונה-ספר "עצתו אמונה" און זיך מחי' זיין מיט די עצות פון רעדן צום אייבערשטן.

שטעל דיך פאר דו לייגסט ארום צוויי קארטלער "יעדן טאג", "ייעעדדדדוון טטטטאאאגגגג!!!!, every single bingle shmingle day!!! דו קענסט ראטעווען דורות! וכל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא!

אז מ'רעדט שוין פון נאסטאלגיע, האב איך געהערט דעם פראגראנענעם שבת קודש פרשת בלק ווי דער ראש ישיבה דערמאנט דעם זוהר הקודש פון פרשת בלק, וועגן תפלה לעני, אז די תפלה פון דעם עני, פון דעם ארימאן גייט אריין צום באשעפער פאר די תפלה פון משה רבינו! און פאר די תפלה פון דוד המלך!

וייל ער איז צובראכן.

דא רעדט מען - האט דער ראש ישיבה געזאגט - פון א עני ברוחניות, א מענטש וואס האט געזינדיגט, ער פילט זיך ווי א שמאטע, און ער קומט צום אייבערשטן מיט זיין גאנצע צובראכנקייט, ער בעט דעם אייבערשטן אז עכט וויל ער יא זיין גוט, נאר ס'איז דא א גרויסע יצר הרע, דאס איז אין הימל חשוב'ער ווי אלעס! דער אייבערשטער הערט אויס יעדע איינציגע ווארט וואס דער עני רעדט צו אים.

דעם שטיקל זוהר געדענק איך פון ווען כ'האב עס געלערנט אין אשר בנחל אין יאר תשנ"ח. איך קען נישט פארגעסן וואס מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט דעמאלטס געטון מיט מיר. דער זוהר ווערט געברענגט אין א בריוו פון מוהרא"ש ביום ו' עש"ק לסדר אמור תשל"ב.

אין די נייע דרוק איז עס אין חלק ה' דף

רע"ח, איך האב עס דעמאלטס געלערנט אין די אלטע דרוק. יענער באנד ווערט מיר קיינמאל נישט ארויס פון זכרון. יענער באנד איז, אייגנטליך, געווען די ערשטע מאל וואס מוהרא"ש'ס בריוון זענען ארויס לאור עולם, און דערנאך איז געשען די ריזיגע וועלטס געשעעניש הנקרא "אשר בנחל" וואס האט רעוואלוציאנירט די זאך אז די גאנצע וועלט גייט רעדן צום אייבערשטן, קליין און גרויס, ערליכע און געפאלענע, דערהויבענע און צוריסענע, פרייליכע און צובראכענע, גערעכטע און רעזיגנירטע, שטייפע און ווייכע, אידן און להבדיל נישט-אידן, אלע וועלן רעדן צום אייבערשטן.

יענער באנד איז ארויס אלס חלק א' און הויבט זיך אן מיט א בריוו דאטירט ה' חיי שרה תשל"א און ענדיגט זיך ביי ה' בא תשל"ג, א סך הכל פון ניינציג בריוון. אוי האב איך זיך אויסגעוויינט צום אייבערשטן אויף די בריוון. איך פלעג שפאצירן אויף cohen and cohen rd. וואס איז אין סוואן לעיק, אין שכינות פון מחנה נועם אלימלך, בורשטין, קאשוי, ראזנס, וכולי וכולי, דארט אינמיטן קאהען ענד קאהען רד. האב איך געהאט א באשטימטע פלאץ וואו איך פלעג אריינגיין אין וואלד מאכן התבודדות, איי איז דאס געווען זיס, איי ווי געשמאק, (היינט ווען איך רעד צום אייבערשטן ביי מיר אין דיינונג רום איז אויך געשמאק... נאר דעמאלטס אין וואלד איז אויך געווען פיין זיס, נישט פאר די שונאים געוואונטשן...) מוהרא"ש האט מיך געראטעוועט דעם לעבן, אפילו נאר צו וויסן אז מ'קען דערציילן דעם אייבערשטן וואס מ'וויל איז שוין אליין א ישועה. יענעם זומער, ד' עקב תשנ"ח האב איך מסיים געווען מיין ערשטע (תרתי משמע.... די ערשטע באנד און "מיין ערשטע אשר בנחל...) "אשר בנחל". דערנאך האב איך געמאכט א סדר צו לערנען פון אנהייב פון די נייע חלק א', ברוך השם איך גיי שוין מסיים זיין די זעקס און צוואנציגסטע באנד, הודו להשם כי טוב!

דער וואס האט געדרוקט דעם ערשטן אשר בנחל האט געלייגט אויפן דעקל דאס ווארט "נועם" העכער "אשר בנחל". זע דעם בילד.

שפעטער, ביי חלק ב' און די אנדערע חלקים איז שוין נישט געשטאנען "נועם" נאר "אשר בנחל".

דעמאלטס, אין יאר תשנ"ח בין איך געווען אין קאנטרי אין סוואן לעיק. אין יאר תשנ"ז, די ערשטע זומער נאך מיין חתונה, בין איך געווען א מדריך אין א קעמפ אויף גלען וויילד ראוד, צווישן עקזיט 109 און די שטאט וואדרידזש, מיין ווייב האט דארט אנגעפירט די דעי קעמפ. דארט אלס מדריך בין איך איינמאל געווען פארלוירן אין וואלד מיט א גאנצע קלאס אינגלעך! כ'האב אנגעהויבן שעפשען מיט די ליפן "די נייע זאך פון התבודדות" און כ'האב מיך דערמאנט וואס כ'האב געהערט אלס קינד אז מדארף נאכגיין די זון (אדער די לבנה) אין א גראדע ליניע, נישט זיך בייגן רעכטס אדער לינקס. יענע זומער האב איך געמאכט די ערשטע סיום אויף ששה סדרי משנה, אויף'ן שיף the maid of the mist אין נייעגרע פאללס.

תשנ"ח בין איך שוין געווען ברוך השם טיף טיף פארנומען מיט זאגן צען צוואנציג דפים גמרא א טאג, די יאר פריער, תשנ"ז, בין איך נאך געווען עטוואס ביזי מיט די "עכטע" ברסלב, מיט די עכטע "אוי", מיט די "עכטע" ניגונים, וואס האבן די "עכטע" עובד'ישע קרעכץ, און מיט נאך פארשידענע עכטע זאכן וואס קען מאכן מ'זאל דארפן "עכטע" טייטלענאל. אבער ברוך השם כ'האב געמאכט א שנעלע דיסיזשן אז די "עכטע" וועל איך לאזן פאר די "עכטע". מוהרא"ש האט מיך געכאפט,



כ'האב געהאט מחשבות וואס האבן מיר זייער געשטערט און נאר דער צדיק מוהרא"ש האט "קער גענומען" פון מיר, יעדע מאל וואס איך האב געעפנט דעם זיסן גן עדן הנקרא "אשר בנחל" האב איך געפילט ווי אלע פראבלעמען גייען אוועק.

אזוי ווי א מענטש וואס זיצט אויפן דענטיסט בענקל און מ'דרילט אים די ציין, די יסורים פון די דרילן איז עד לב השמים, די מינוט וואס ס'kick'ט אריין די אנעסטיזשיע, די איינשלעף מעדעצין, איז נישטא מער קיין פעין. דאס האט דער אשר בנחל געטון מיט מיר. ס'האט גע'numb'ד די פלאץ וואס טוט ווי יעצט אויפ'ן מינוט, ס'האט גע'numb'ד די זאך וואס שטערט מיך יעצט. און ס'האט מיך געגעבן א ברען צו כאפן נאך און נאך בלעטער גמרא. ס'האט מיר געגעבן א פייערדיגע קאנוויקשן אז איך וועל יא מצליח זיין.

דאס איז די חילוק פון נארקאטיקס און סייקעדעליק'ס פון איין זייט, און זאגן משניות און אשר בנחל פון די אנדערע זייט. אלע substances וואס אייער "געטרייער" חבר וועט אייך זאגן אז "דאס איז נארמאל צו נעמען" און "דאס נעמען אלע נארמאלע מענטשן" און "דאס איז נישט די ריכטיגע סחורה" נאר ס'נעמט אוועק pain, איז אזוי, ס'נעמט אוועק די צער און יסורים אבער ס'נעמט אויך אוועק די גאנצע מענטש, דער מענטש ווערט קראנקער און קראנקער פון טאג צו טאג, זאגן משניות און אשר בנחל נעמט אוועק די pain און דער מענטש ווערט געזונטער און געזונטער פון טאג צו טאג. גלייבט מיר נישט, פרובירט עס אליין.

ווען די מענטשן וואס נעמען בראוני מיט מאשרומס וואלטן איינמאל געפילט די high פון זאגן גמרא און משניות וואלט נישט געווען קיין איין מענטש אין די וועלט וואס נעמט סחורה.

לאמיר זיך פארנעמען צו פארשפרייטן עטליכע קארטלעך יעדן טאג. ווייל מענטשן האבן צער און נאר די עצות פון רבי'ן קען זיי העלפן.

יעדעס
יאר

יעדער
נעמט
א חלק

*sruliHeskel

# וועלטליכע נייעס

**גרשון קרעמער**




## עף בי איי כאפט צוויי שטארק געזוכטע גענג פירער פון מעקסיקא

אין א גרויסע און קאמפליצירטע אפעראציע, האבן די עף בי איי אין צוזאמען ארבעט מיט נאך פילע לאקאלע און פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, באוויזן צו כאפן און ארעסטירן צוויי לאנג געזוכטע גענג פירער פון מעקסיקא, וואס ווערן שוין געזוכט פאר די לעצטע צענדליגע יארן. די גאנצע געגנט ליידט זיך שוין צוזאם פון די שעדליכע גענגס אין די געגנט און די ליידן גיסן זיך אריבער קיין אמעריקע ווען זיי שמוגלען כסדר אריבער פארברעכער, דראגס און געווער קיין אמעריקע.

די צוויי פארברעכער זענען מעיא זאמבאדא, דער קא-גרינדער פון א גרויסע דראג באנדע, און וואקין גוזמאן דער נחת'ל פונעם שלעכט באקאנטן גענג פירער על טשאפא גוזמאן, וועלכע אמעריקע האט שוין באוויזן א צייט צוריק צו ארעסטירן, און ער דינט היינט צוטאגס א לעבנס לענגליכע טורמע טערמין אין איינס פון די שטרענגסטע תפיסות אין אמעריקע וואס איז אין קאלאראדא, און זיצט אויף פופציג עקער לאנד.

עס זיצן דארט בערך פיר הונדערט פארברעכער וואס האבן אפגעטון די ערגסטע זאכן רחמנא לצלן, און די גאווערמענט וויל זיי זאלן האבן די שטרענגסטע וואך נאר מעגליך.

די פארברעכער האבן אנגעפירט זייער באנדע ביד רמה, אזש גאנץ מעקסיקא האט געציטערט פאר זיי, פאר יארן האבן זיי זיך באוויזן ארויסצודרייען פון געכאפט ווערן, ווען יעדער וואס איז געשטאנען אין זייער וועג האט זיך געמוזט "לייגן אדער בייגן"... דאס מיינט אז אדער האט מען זיך געדארפט לאזן אונטערקויפן דורך אפאר דאלער שוחד, אז נישט איז מען איין טאג פשוט נעבעך אומגעקומען אין אן עקסידענט וכדומה. אבער דער אייבערשטער פירט די וועלט, און "סוף גנב לתליה", כאטש האבן זיי זיך געשפירט אזוי פארזיכערט אין מעקסיקא, און געשפירט אז זיי האבן שפיאנען און שליחים אין יעדע רעגירונג אגענטור, און אין יעדע פאליציי דעפארטמענט, האט דער אייבערשטער געפירט מען זאל זיי כאפן אין אמעריקע.

די אקציע איז דורכגעפירט געווארן מיט סוקסעס נאכדעם וואס די עף בי איי האט זיי פארנארט צו פארן מיט א פליגער קיין על פאסא אין טעקסעס, וואס געמיינט האבן זיי אז די פליגער פארט אין אן אנדערן ריכטונג, אבער באמת איז עס געפארן קיין טעקסעס, וואו די אויטאריטעטן האבן זיי שוין אפגעווארט מיט א פאסיגע קבלת פנים, און זיי געפירט מיט גרויס פאראדע גראד צום טורמע. יעצט ווארט זיי אויס א גאר ערנסטע געריכט פראצעס, וואס וועט זיי געבן די פארדינטע עונש פאר זייערע פילע מעשים רעים, וואס רעכנט אריין אנפירן א מאפיא גרופע, מארדן, פארשפרייטן דראגס, שמוגלען פון מענטשן און נאך.

ווען מיר הערן איבער די פארברעכער וועלכע לעבן אין שוואוויל טאג און אין רייכטום קען א מענטש ח"ו האבן א קשיא, איך דאוון, איך לערן, איך היט תורה ומצוות, און איך פלאג מיך, איך קען קוים ברענגען ברויט צום טיש, יעדע ביל וואס קומט אן אין די פאסט ווערט א פרישע דאגה "כסף מנלן".

מיר דארף גלייבן אין אייבערשטן און צוווארטן אויף די ישועה, נישט אנטלויפן פאר שלחן עורך, קען זיין אז באלד וועסטו זען ווי די רשעים באקומען זייער פארדינטע עונש, און דיין ישועה וועט אנקומען.

און אפילו אויב מען זעט נישט די שטראף פאר די צרה לייט, דארפן מיר וויסן אז מיר מיט אונזער קליינע מענטשליכע מח קענען נישט באגרייפן הנהגת הבורא, אבער מיר גלייבן אז אויב מיר וועלן פאלגן די תורה און גיין אויף די ערליכע וועג וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**סוף גנב לתלי'**

# מיין חלק הפצה

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פרטים יבואו

*sruliHeskel

# היכל הלכה

## הלכות ימי בין המצרים (חלק ב׳)

**קורצע הקדמה:** אין שבעה עשר בתמוז האט מען חרוב געמאכט די מויער פון ירושלים [1]. אין תשעה באב איז סיי די ערשטע און סיי די צווייטע בית המקדש חרוב געווארן, (תענית פ״ד מ״ו), די טעג ווערן אנגערופן ״בין המצרים״ [2]. דעריבער האבן די הייליגע חכמים ז״ל מתקן געווען דיני אבלות אין די טעג, עס ווערט צוטיילט אין פיר [3]: פון שבעה עשר בתמוז ביז ראש חודש [4], פון ראש חודש ביז שבוע שחל בו [דאס מיינט די וואך וואס תשעה באב געפאלט אין דעם] תשעה באב, און וואס נענטער צו תשעה באב איז אלס הארבער.

ווי ערוועגט בשם ספרים הקדושים אז די כוונה איז נישט מען זאל זיין בעצבות ומרה שחורה חס ושלום, פארקערט ווען עס קומט צו תורה, תפילה, און מצוות זאל מען עס טון מיט מער שמחה פון א גאנץ יאר [5].

מען דארף געדענקען וואס חז״ל זאגן, כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, (מסכת תענית ל:, בשו״ע סי׳ תקנ״ד סי׳ כ״ה) ווער עס טרויערט אויפן חורבן בית המקדש, וועט זוכה זיין צו זען איר נחמה, בפשטות גייט עס ארויף ווען משיח וועט קומען.

דער ראש ישיבה שליט״א האט דערמאנט (ליל שישי פינחס) בשם צדיקים [6] אז דאס גייט ארויף נאך יעצט אין גלות, אז מען איז זוכה צו שפירן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות לג.) כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו, און וואס מיינט דעה? אתה הראת ׳לדעת׳ כי הוי-ה הוא האלוקים אין עוד מלבדו [7].

**הערה! מיר ברענגען די הלכות וואס קומען צו פון ראש חודש, בנוסף פון די הלכות וואס גייט אן פון שבעה עשר בתמוז וואס איז געברענגט געווארן פארגאנגענע וואך העעל״ט:**

א) משנכנס אב ממעטין בשמחה: פון ראש חודש אב פריידט מען זיך נישט [8]

ב) א איד וואס האט א משפט מיט א גוי, זאל זיך ארויסדרייען פון עס צו מאכן אין חודש אב ביז חמשה עשר באב [9]

ג) מען טוט נישט אן קיין שבת׳דיגע קליידער אינדערוואכן (רמ״א תקנ״א סי׳ א׳), עס גייט אויך אן פאר פרויען און מיידלעך.

ד) ביי א שמחה וואס מען פירט זיך צו גיין שבת׳דיג אג אנץ יאר, מעג מען אויך אנטון אין די ניין טעג [10] (שם) ווי למשל א ברית [11]

**בנין:** ה) מען בויט נישט קיין בנין של שמחה, דאס מיינט אויב מען דארף נישט די בנין נאר אויף לרוחה אדער שיינקייט.

ו) מען ציט זיך נישט אריין אין א נייע דירה (שו״ת מחזה אברהם ח״ג סי׳ י״ג).

ז) מען מעג שרייבן א קאנטראקט אדער געבן א דיפאזי״ט אויף א נייע דירה. קלאוזע״ן אויף א דירה איז אסור (שו״ת לבושי מרדכי ח״א או״ח סי׳ ק״א, מקדש ישראל סי׳ ס׳).

ח) פעינטע״ן, סקרעיפ״ן, וואנישע״ן, טוישן פענסטער טירן, איז נכלל אינעם איסור פון בנין של שמחה [12] (מחבר סי׳ ב׳).

ט) מען טאר נישט איינפלאנצן קייןביימער און בלומען פאר שיינקייט [13] (שם).

י׳) מען מעג שניידן די גראז (בעל שבט הלוי ז״ל קובץ מבית הלוי ביהמ״ז עמ׳ י׳ יא׳ - שו״ת רבבות אפרים ח״א סי׳ שע״ד).

**קויפן נייע כלים:** י״א) נייע חשובע כלים טאר מען נישט קויפן, [14] פשוטע כלים מעג מען יא (לבושי מרדכי ח״ג סי׳ קפ״ה אות ד׳).

## הערות

1) ועוד ד׳ דברים כתבנו מזה בגליון העבר.

2) ע״ש הפסוק (איכה א, ג) כל רודפיה השיגוה בין המצרים, ודרשו חז״ל (איכ״ר א, כ״ט) שמצרים הוא מלשון צרה, שימים אלו הם ימי צרה ויש למזיקין שליטה, ופי׳ הפסוק בפשוטו הוא שהרודפים השיגו את יהודה כשהגיעו למקום שיש גובה מכאן ומכאן ואין מקום לנוס, ומצרים הי׳ גבולים של שדה וכרם.

3) כן יוצא משו״ע והפוסקים.

4) בגמרא אינו מוזכר דינים מיוחדים לימים אלו, אבל בגאונים וראשונים הוזכרו כמה דיני אבלות. (חכמות אדם כלל קל״ג ס״ח).

5) בשער יששכר (מאמר חודש אדר אות ב׳) דלכן פי׳ חז״ל במה ממעטין כדי שלא נסבור ח״ו להיות בעצבות גמור ומרה שחורה ר״ל, ובאמת לא זו הדרך מתלמידי רבינו [הקדוש הריב״ש] הבעש״ט ז״ל והבאים אחריהם, שצריך להיות גם אז באמת בלב נשבר ובכיות על הגלות וחורבן ביהמ״ק, אבל [ח״ו להיות] נעצב לגמרי כמתייאש ח״ו מן הגאולה, כנודע בספה״ק ששמחה הוא חויב מה״ת, ותחת אשר לא עבדת הוי-ה [אלוקיך] בשמחה וגו׳.

6) עי׳ בפרי צדיק (ר״ח אדר אות ט׳) וז״ל וכבר שאלנו שהרי כמה דורות שהתאבלו על ירושלים ולא זכה לראות בשמחתה בו ואי קאי על תחיית המתים שיעמדו ויראו בשמחתה, וכו׳ וכו׳ עי״ש, ואמרנו: שהמכיוון שזוכה ורואה בשמחתה הוא בהווה בזמן הזה על דרך שאמרו ש׳כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו.

7) עי׳ בתפארת שלמה (שמיני עצרת) פי׳ רואה תיקף עתה בנחמה, כמ״ש בעמק המלך, והמעשה מר׳ אברהם הלוי ע״ש פי׳ ע״י כלות הנפש שהיה ברצונו למסור נפשו וכל מגמתו לראות בנחמת ציון, והיה מצטער תמיד על גלות השכינה לכן היה רואה תיכף קץ הגאולה וכו׳ ע״ש.

8) עי׳ במג״א סי׳ תקנ״א ס״ק א׳ דאין שמחין כלל, כש״כ בתוס׳ פ״ק דבמגילה (ה: ד״ה ממעטין) וכ״כ בא״ר סק״א, ובה״ג סי׳ י״ח, וסדר רב עמרם גאון (סדר ט׳ באב) כ׳ מריש ירחא דאב מיבעי ליה לאיניש לשנויי ולא לאבדוחיה נפשיה.

9) הג׳ אא״ז החתם סופר זי״ע, דלא היה יו״ט לישראל כט״ו באב ואתיא יו״ט ואפסקי׳ ׳ונסו יגון ואנחה וששון ושמחה ישיגו׳ וכן הוא ביפה ללב (ח״ב או׳ ג׳) הובא בכף החיים (סק״ג) שו״ת שנות חיים (ח״א סי׳ רי״ט) ומשנת יעקב (סק״ב)

10) וז״ל הכף החיים (סק״ז) דא״ד, ונראה דכל מה שכתבתי לענין ברית מילה הה״ד לענין פדיון הבן וכו׳ ע״ש.

11) ולגבי וואך נאכט מחלוקת בין מורה הוראות, עי׳ בנ״ג פ׳ ל״ג דמותר ועי׳ באוצר הלכות סי׳ תקנ״א אות י׳ דאסור, ונהרא נהרא ופשטיה.

12) נכלל במה שכ׳ המחב׳, בנין של ציור וכיור.

13) נכלל במה שכ׳ המחב׳, מיני הדס, ומיני אוהלים.

14) בערוך השולחן סי׳ כ׳ וז״ל ודע שזה שנתבאר בבגדים חדשים הוא הדין לקנות כלים חדשים טובים של כסף, וכה״ג, וכן לתן לאומן לעשות כלים יקרים אסור מר״ח.



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

י"ב) טאמער מען וועט עס נישט קענען קויפן נאך תשעה באב אדער יעצט קען מען עס האבן פאר ביליג מעג מען עס יא קויפן (עי' כף החיים ס"ק כ"א עיי"ש).

**באנייען נייע וועש – אנטון פרישע וועש – וואשן וועש – קויפן נייע וועש**

י"ג) עס איז אסור אנצוטון פרישע וועש און אוודאי נייע (שו"ע סי' ג').

י"ד) אויב מען האט עס שוין אנגעטון איינמאל פאר דעם, מעג מען עס יא אנטון 15) אויב מען האט עס שוין געטראגן פאר א האלבע שעה 16) מעג מען עס שוין אנטון, אפילו מען האט אנגעטון עטליכע קליידער אויף איינמאל איז אויך גענוג 17).

ט"ו) אויב מען האט עס נישט אנגעטון, ווערט געברענגט א עצה אין די פוסקים אז מען זאל עס לייגן אויף דער ערד 18).

ט"ז) מען מעג נישט אנטון די קליידער אום שבת פאר די וואכן, אלס איסור הכנה, מען קען אבער אנטון וועש ביינאכט, וועש צופרי, און נאכדעם נאכאמאל נאכמיטאג (כף החיים ס"ק צ"א).

י"ז) אונטערוועש און זאקן מעג מען טוישן לצורך 19).

ח"י) לכבוד שבת קודש טוט מען זיך אן פרישע שבת'דיגע קליידער 20) (רמ"א סי' ג' ס"ק ל"ב).

**קליידער פאר קינדער:** י"ט) עס איז אסור פאר א גדול צו וואשן וועש פאר א קטן. 21) (מחבר סי' י"ד) קינדער וואס מאכן זיך שמוציג כסדר, מעג מען יא וואשן פאר זיי. (רמ"א סי' י"ד) 22) אויב די קינדער מאכן שמוציג די עלטערן, האבן די עלטערנ'ס קליידער די זעלבע דין (כן יוצא לי מעמק התשובה ח"א סימן צ"ב סק"ז עי"ש).

כ) עס איז אסור אויפצונייען נייע קליידער 23).

כ"א) עס איז מותר צו געבן פאר א גוי אויפצונייען כדי עס זאל זיין גרייט אויף נאך תשעה באב (רמ"א סי' ז' ומסיים ומ"מ טוב למעט בזה).

כ"ב) מען פירט זיך אז פרויען שטריקן נישט קיין קליידער אדער גארטלעך וכדומה, פון ראש חודש און ווייטער (מחבר סי' ח').

**עסן פלייש, טרינקען וויין:** כ"ג) פון ראש חודש און ווייטער עסט מען נישט קיין פלייש סיי בהמה און סיי עוף, אפילו א מאכל וואס איז געקאכט צוזאמען מיט פלייש עסט מען עס נישט (עי' כ"ז במחבר סי' ט' י' מ"ב ס"ק ס"ג).

כ"ד) מען טרינקט נישט קיין וויין און אפילו נישט גרעיפ דזשוס.

כ"ה) ביי א סעודת מצוה איז מותר צו טרינקען וויין און עסן פלייש, למשל א ברית מילה, פדיון הבן, סיום מסכת (רמ"א סי' י' ומסיים דבשבוע שחל בו, אין לאכול בשר ולשתות יין אלא מנין מצומצם).

כ"ו) דער מנהג ביי אונז איז אז די וויין פון הבדלה טרינקט מען אליינס אויס 24)

**זיך וואשן – באדן – שווימען:** כ"ז) מען מעג זיך נישט וואשן א חלק פון די קערפער מיטווארעם וואסער, די גאנצע קערפער מעג מען נישט אפילו מיט קאלטע וואסער.

כ"ח) אויב איינער איז געווארן שמוציג, אדער שוויצט, אדער אויב עס איז זייער הייס אינדרויסן, איז מותר אבער אבר מיט לוילעך וואסער 25).

כ"ט) א איסטניס מעג זיך וואשן כפי הצורך, און עס ווערט געברענגט אין די פוסקים אז אפילו איינער האט א היתר זיך צו וואשן זאל ער עס טון בצנעה 26).

ל) מען מעג זיך טובל'ן אין מקוה (עי' כף החיים ס"ק ק"צ).

ל"א) וואשן די ערד - פלאר, סתם אזוי מעג מען נישט 27) אויב עס איז שמוציג מעג מען, אזוי אויך איז מותר לכבוד שבת.

## הערות

15) בכף החיים ס"ק צ"א ב' וז"ל ובמקומות שיש הרבה חום בזמן הזה ומזיעין הרבה ומוכרחים להחליף הכתונת, ובפרט נשים, כיצד יעשה? ילבש קודם שבת את הכתונת המכובסות שיש לו, שיעור שעה אחת, ויפשיטנה, ויצעינה ללובשה אחר שבת בתוך שבוע שחל בו ט"ב.

16) הליכות אבן ישראל עמ' של"א של"ב

17) דעת קדושים (הל' אבילות סי' שפ"ט סק"ג)

18) כן הוא בלחם הפנים, (קו"א יו"ד סי' שע"ו) הובא בכרם שלמה (יו"ד סי' שפ"ט) לענין אבל, ובשו"ת מנחת יצחק, ובשו"ת תשובות והנהגות ח"ה סי' ק"ע לבימ"צ.

19) לשון ראיתי בספ' נט"ג פל"ד או' ה' ואו' ו', עי"ש מעיקר הדין לדבריו.

20) עי' כף החיים סקי"ג, דבר נאה ומתקבל בענין זה.

21) מ"ב סקפ"א דקטנים נמי שייך בהו חינוך אי משום אבילות אי משום ע"ג, עי' בשער הציון ס"ק צ"א נ"מ בין הטעמים.

22) עד בין ג' ד' מותר, כ"ה בלבוש סי"ד, ובפמ"ג (א"א סקל"ח)

23) ישנים מותר כן נראה מפשטות הפוסקים, ב"ח מחמיר בישנים.

24) בעצם ד' מחב' להקל בסי' י', וד' רמ"א להחמיר, אבל בחסידים נוהגין בזה כד' המחבר, וכן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע משנת יעקב סקל"א, וגם נהג הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע חזו"א (אורחות רבינו ח"ב עמוד קל"ה, ועוד גדולי ישראל נהגו כן.

25) שו"ת שבט הלוי (ח"ז סי' ע"ז או' ב')

26) עמק התשובה (ח"א סי' צ"ב סק"ז, דברי יציב ח"ב סי' רל"ז)

27) כ"כ בעמק התשובה, (ח"א סי' צ"ב סק"ז, וכ"כ בשו"ת משיב דברים, שו"ת כפי אהרן, ועוד)




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

מיר וועלן זיין פארמאכט
אין די ניין טעג.
מיט פארשטענדעניש

DRY GOODS

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו**
**וזוגתו חי' שרה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה יעקב איידליס הי"ו**
**וזוגתו רבקה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.













ווערט געזוכט איינער וואס איז גרייט אוועקצוגעבן א קאר פאר א
מפיץ וואס וויל מפיץ זיין אין א געוויסע שטאט ווייט פון דא.
אזוי אויך ווער עס וויל צושטייער געבן פאר די מפיצים צו קענען
קויפן די ספרים, קונטרסים, סידים, זאל רופן
ראובן בירנבוים 347-549-5625



האט איר אמאל געטראכט פון מאכן א ישׁשכר זבולון
געשעפט???
א חשובער בן תורה פון אנשי שלומינו אין ארץ ישראל איז
גרייט צו מאכן א ישׁשכר זבולון געשעפט מיט אייך!!!
פאר מער פרטים ביטע רופט 845-213-6765



# מעשיות פון תפילה

## בערל שניטצלער

קרית ברסלב

איין טאג האבן איך באמערקט אז מיין בערזל וואס אנטהאלט אין זיך אסאך וויכטיגע זאכן, ווי לייסענס, קארטלעך, געלט, ליגט נישט אין מיין טאש, ערגעץ איז עס פארשוואונדן געווארן

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, אזוי האב איך געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל.

איך האב פרובירט נאכצוגיין וואו ס'קען ליגן, איך האב מיך פרובירט צו דערמאנען ווען איך האב עס געזען די לעצטע מאל. נאכן דערמאנען וואו איך בין געווען די לעצטע מאל דערמיט, בין איך געגאנגען דארט זוכן אבער אן ערפאלג, ס'איז נישט געווען צום געפונען. אויך האב איך געזוכט ביי די קעמרעס פון א געשעפט וואו איך בין געווען, אבער מ'האט גארנישט געזען.

איך האב נישט אויפגעגעבן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן.

איין טאג קום איך אריין אין אפיס ביים בית הדפוס און איך טרעף ליגן די בערזל אינטערן טיש, איך ווייס נישט וויאזוי ס'איז אנגעקומען דארט אבער דאס איז די מעשה. שכח אייבערשטער.

## יוסף הכהן פריעדמאן

קרית ברסלב

איך האב געדארפט צושיקן געלט פאר איינעם דורך א קוויק פעי, למעשה האט מיר דער אינגערמאן געזאגט אז ער זעט עס נישט אין זיין אקאונט, איך זאל געבן א קוק אויב איך האב דאס געשיקט צו ריכטיגן מענטש.

נאכקוקענדיג צו וועם איך האב דאס געשיקט איז מיר

שווארץ געווארן פאר די אויגן, איך האב געשיקט די געלט פאר עפעס א פרעמדן מאן, איינער וואס איז נישט משלנו. באשעפער וואס טוט מען דא?

איך האב זיך דערמאנט אז תפילה איז שטערקער פון אלעס, איך גיי בעטן דעם אייבערשטן אז יענער זאל מיר עס וועלן צוריקשיקן, "הייליגער באשעפער העלף אז דער חברה מאן זאל דאס מיר וועלן צוריקשיקן, ער זאל זיך נישט ארויסדרייען פון מיר".

איך האב אים גערופן און געבעטן שיינערהייט ער זאל דאס צוריקשיקן, נאכדעם וואס דאס איז געווען פארדריסליכן טעות, שכח אייבערשטער אז ער האט גלייך מודה געווען אז ער האט דאס באקומען, און ער האט געזאגט אז ער גייט דאס צוריקשיקן.

אבער דער אייבערשטער האט געוואלט איך זאל נאך אביסל בעטן, האט ער געפירט אז דער יעניגער זאל נישט אזוי שנעל צוריקשיקן דאס געלט, איך האב נאכאמאל געבעטן ער זאל דאס שיקן, האט ער געזאגט אז ער גייט שיקן, אזוי האט זיך עס געשלעפט, און איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל דאס מיר צוריקגעבן.

שכח אייבערשטער אז די נס האט פאסירט און ער האט דאס צוריקגעשיקט בשעה טובה ומצלחת.

## מנשה איצקאוויטש

בארא פארק

איך דרייוו א באס אין די זומער טעג, איין טאג אינמיטן דרייוון האט די פייפער אויפן באס, אנגעהויבן פייפן, און ווען דאס פייפט, פייפט דאס זייער הויעך, אז ס'איז זייער נישט געשמאק

געווענליך ווען ס'פייפט מיינט דאס אז א פענסטער אדער א טיר איז אפן. בין איך ארומגעגאנגען דעם גאנצן באס קוקן אויב עפעס איז אפן, אבער למעשה איז אלעס געווען הערמאטיש פארשלאסן, דארף מען דא געוואר ווערן וואס די סיבה פונעם פייפן איז.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, צו טרעפן די פראבלעם פארוואס דאס פייפט, איך דארף דא דרייוון ווייטער אבער אזוי קען מען נישט פארן. אויך האב איך געגעבן צדקה לרבי מאיר בעל הנס.

איך האב גערופן אפאר אינגעלייט וואס קענען אפשר וויסן וואס דאס קען באדייטן, אבער זיי האבן מיר נישט צופיל געקענט העלפן.

אזוי אינמיטן בעטן דעם אייבערשטן, האב איך געגעבן א דרוק אויף עפעס א קנעפל וואס איך וואלט נארמאל נישט געדרוקט, און די פייפער האט געסטאפט צו פייפן.

## האשקי איינוואוינער

קרית ברסלב

פאראנגענעם דינסטאג פנחס איז געווען שטארקע רעגן און ווינטן, וואס האט געברענגט צו אראפגעפאלענעביימער אויף די גאסן און אויף די עלעקטריק שטאנגן, וואס דאס האט צוגעברענגט אז די עלעקטער אויף האשקי זאל זיך אפהאקן.

ברוך השם אז ס'איז נישט געווען קיין הייסע טאג, איז דאס נישט געווען אזוי געפערליך.

קודם האט מען געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די עלעקטריק וואס מ'האט יעדן טאג, וואס דורכדעם קען מען זען וואו מען גייט, מ'קען וואשן וועש, קאכן, כאפן א שויער, אנצינדן די סינק, און נאך און נאך.

דערנאך האט מען זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף די עלעקטער זאל זיך צוריק אנצינדן ווי אמשנעלסטן, עס הייבט אן ווערן טונקל און מ'דארף קענען זען וואו מ'גייט, מ'דארף האבן עלעקטער אז די פריזער זאכן זאל נישט גיין לטמיון און אזוי ווייטער.

שכח אייבערשטער אז זיי האבן געטראפן וואו די ווייערס זענען צוריסן און עס איז געווארן פאררעכטן נאך אינעם זעלבן טאג.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בְּרִיזו פוּנעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך האב זייער הנאה פון די שיעורים, מיין פרנסה האט זיך פארבעסערט, מיין שלום בית איז בעסער געווארן, און מיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט א דאנק די שיעורים.

איך וויל וויסן ווי אזוי איך קען צוריק צאלן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר די שיינע שיעורים.

יישר כח

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת תצוה, ה' אדר, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז דיין לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן אדאנק דעם הייליגן רבי'ן, דארפסטו דאס פארשפרייטן פאר נאך מענטשן - זיי זאלן אויך קענען האבן פון די גוטע לעבן.

עס איז נישט שייך צו באצאלן פאר'ן רבי'ן; דער רבי האט זיך מוסר נפש געווען און אלעס אוועק געגעבן אז מיר זאלן קענען זיין ערליכע אידן און אזוי אויך די הייליגע תלמידים, רבי נתן האט זיך מוסר נפש געווען אונז איבער צו געבן דעם רבינ'ס וועג, מען האט אים גע'רודפ'ט, אלע האבן געקריגט אויף אים, אלע האבן גערעדט אויף אים, מען האט איינגעשפארט אין תפיסה - דאך האט ער זיך נישט אפגעשטעלט פון פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן.

אזוי אויך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אלעס אוועק געגעבן פאר אונז, ער האט נישט געהאט קיין איין גוטע טאג אין זיין לעבן נאר צוליב דעם אז מיר זאלן וויסן ווי אזוי מען קען לעבן מיט'ן אייבערשטן, מיר זאלן וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב, מיר זאלן האבן א וועג צו לערנען די הייליגע תורה; ווי איז שייך צו באצאלן? אז מען באקומט לעבן איז נישט שייך צו באצאלן, מיר קענען נאר איין זאך טון: "ווייטער גיין אין די וועגן, ווייטער פארשפרייטן די ליכטיגקייט פאר אנדערע".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

מו"ה הערשל פריעדמאן הי"ו פון מאנסי האט פאריגע וואך פארציילט ווי ער האט באשלאסן צו העלפן זיינס א קרוב מיט זרע של קיימא דורכן מנדב זיין פינף הונדערט דאלער פאר אשר בנחל. צען חדשים שפעטער האבן זיי געהאט א לעכטיג געזונט קינד.

מיר געבן יעצט צוריק איבער דעם רשות הדיבור פאר מו"ה הערשל הי"ו ער זאל פארציילן וואס איז געווען ווייטער.

זעענדיג אז די סגולה איז בדוק ומנוסה, און כאטש פינף הונדערט דאלער איז א גרויסע סכום, האב איך געטראכט אז עס לוינט זיך עס צו נעמען ווייטער.

איך האב געהאט א נאנטע פאמיליע מיטגליד וואס איז שוין געווען היבש אריין אין די צוואנציגער יארן און עס איז נישט געגאנגען קיין שידוך. מען האט נישט געקענט ענדיגן קיין שידוך, איך האב געטראכט אז מען דארף דא דער זכות פון א צדיק, די הבטחה פון מוהרא"ש ז"ע וועט זיכער נישט צוריק קומען ליידיג.

איך האב גערופן מו"ה לייבי הי"ו און אים געגעבן א פרישע נדבה פאר'ן זכות פון דעם מיידל וואס ווארט אויף א שידוך. לייבי האט גענומען די נדבה, און אזוי אויך גענומען די נאמען פונעם מדוברת וואס ווארט אויף איר באשערטע.

און טאקע עס האט נישט גענומען מער פון איינס און א האלב וואכן און מיין מאמע רופט מיר מיט די גוטע בשורה אז מיין קרוב טוט א שידוך מיט איר טאכטער אין א מזל'דיגע שעה, איך האב קאנפירמד מיט מיין קרוב אז דער שידוך האט מען פארגעשלאגן תיכף נאכדעם וואס איך האב געגעבן דאס געלט, און יעצט האלט מען שוין נאך די ישועה געלויבט דעם אויבערשטן.

**איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

**קאלל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691**

# נייעס פון קרן הדפסה

## פעולת הצדיק ענגליש חלק א׳ מהדורת אונגאר

מען דארף פאר קיינעם נישט זאגן איבער׳ן ראש ישיבה׳ס ווארעמקייט פאר הדפסה און הפצה. מוהרא״ש פלעגט אלץ בעטן און מעודד זיין אנשי שלומינו זאלן מקיים זיין די בקשה פון הייליגן רבי׳ן איבער ״אנטרונקען ביימער״ און פארציילן די מעשה פון די פטירה פון רבי׳נס גרויסער תלמיד דער הייליגער רבי נתן וואס האט געבעטן ממש פאר זיין פטירה לחיי העולם הבא אז מען זאל ווייטער דרוקן און פארשפרייטן די תורות און עצות פון הייליגן רבין וואס איז מקשר אידישע קינדער לאבינו שבשמים און מיט דעם איז מען מקרב די גאולה.

דערפאר ווען דער ראש ישיבה שליט״א האט געהערט אז מו״ה בניהו אונגאר הי״ו וויל אונטערשרייבן א שטר שותפות מיט׳ן קרן הדפסה, און אפקויפן די זכות פונעם ספר ״די צדיק׳ס עקאמפלישמענטס״ חלק א׳, האט זיך דער ראש ישיבה שליט״א זייער געפריידט דערצו, און איז טאקע ארויפגעקומען אין שטוב פון מו״ה בניהו הי״ו ווי ער האט מיט א געוואלדיגע שמחה אויפגענומען דעם ראש ישיבה שליט״א און געשמועסט איבער די גרויסקייט פון דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע ספרים.

דער ספר פעולות הצדיק איז א הערליכע ווערק געשריבן דורך מוהרא״ש ז״ע וואו עס ווערט אראפ געשריבן אין א הערליכע סדר און מיט א געשמאקע שפראך די גאנצע לעבן פון הייליגן רבין אנגעהויבן מיט׳ן שידוך ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט צוגעזאגט אז ער וועט זיך משדך זיין מיט׳ן הייליגן רבי נחמן הארידענקער ז״ע ביז נאך די פטירה פון הייליגן רבין. מוהרא״ש האט צוזאם גענומען אויף א גאר שיינע וועג די גאנצע לעבנ׳ס געשיכטע פון רבי׳ן אלעס וואס ער איז דורך פון קינדווייז אן, די חתונה, און ווי דער רבי האט אנגעהויבן צו פירן אן עדה, די נסיעה קיין ארץ ישראל, די גרויסע מדריגות צו וואס דער רבי האט דערגרייכט, די הייליגע תלמידים, און אזוי ווייטער, אלעס געשריבן אויף א וועג אז ווער עס לערנט עס זאל עס קענען מיטנעמען אויף למעשה, פול מיט עצות און הדרכות אויף עבודת ה׳.

דער ספר איז פאכמאניש איבערגעזעצט געווארן דורכ׳ן חשובן און געטרייען מנהלת פון בית פיגא שולע מרת לעססער תחי׳, וואס האט אריינגעלייגט איר הארץ און נשמה אין דעם ספר, און געמאכט א הערליכע ארבעט. אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען איבער דעם ספר, מיט א פרישע אויפלאגע, שיינע און קלארע דרוק, וואס וועט זיכער העלפן אלעמען לערנען אין דעם ספר.

דער זכות פון העלפן דרוקן דעם ספר וועט זיכער ביישטיין פארן נדבן, דער אויבערשטער וועט אים בענטשן מיט אלע ברכות האמורות בתורה, אידיש נחת.

# בילדער פון קרן הדפסה



די מסיבה לטובת קרן הדפסה ביי ר׳ בניהו אונגאר הי״ו אין שטוב



ביים אינטערשרייבן די שטר שותפות מיט ר׳ בניהו אונגאר הי״ו



מוהרא״ש זי״ע באזוכט אין בית הדפוס ר״ח חשון תשע״ג

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| אברהם יצחק אייזנער<br>קרית ברסלב | יחזקאל זיגלער<br>בארא פארק | ישראל יאזשעף<br>ירושלים |
| משה בראדי<br>בארא פארק | ישראל דוד העסקעל<br>קרית ברסלב | שלמה יאקאבאוויטש<br>קרית ברסלב |
| אברהם דאנציגער<br>טאש | אהרן טויסיג<br>לעיקוואוד | משה פריעד<br>ווילימאסבורג |
| מרדכי אהרן הייליפרין<br>קרית ברסלב | מרדכי לייב טירנויער<br>קרית יואל | יואל לאנדא<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

whatsapp: 347.578.4449

# בואו חשבון...

## אנשי שלומינו רופן זיך אן גאר ווארעם

**$140,200**

TEAM 1
אשר לעמיל זוסמאן
דוד לאקס
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

**$48,900**

TEAM 3
לייבי אפפעל
יואל משה מייזעלס
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

**$105,500**

TEAM 2
מרדכי הימליך
אברהם הערש וועבערמאן
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

**$74,100**

TEAM 4
יואל וועבערמאן
יצחק אייזיק ראטה
אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

יעדער נעמט

יעדע

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

*sruliHeskel

TEAM 5

אהרן שלמה שווארץ
לוי יצחק זאפיר

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$76,100

TEAM 8

דומ"ץ דקהילתינו
שליט"א

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$23,700

TEAM 6

בערל שווארץ
יעקב האלצער

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$41,500

TEAM 9

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$00,000

TEAM 7

בנימין פעללמאן
יעקב פיש

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$73,100

TEAM 10

יוסי זינגער
ישראל דוד העסקעל

אנשי חיל געטרייע סאלדאטן

$54,000

# ערווארט אייער טעלעפאון רוף

די חשובע געטרייע טיעם מענעדשערס
ארבעטן איבערמידליך די טעג
אנצוקומען צו יעדן איינעם און באגלייטן
יעדן צו קענען אנקומען צום מאקסימום
מעגליך ארויסצוהעלפן די פלאץ וואס
געבט לעבן פאר אונז און אונזערע דורות.

א חלק

איז געטריי!

האחיכם יצאו למלחמה ואתם תשבו פה?

charidy.com/breslev

ט"ז - י"ח אב



# א מעשה
## פון א צדיק

# קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵייטְן

עֶס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דִי וֶועלְט! אוֹיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הֶערְשְׁט אַ דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, דִי תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אָבֶּער צוּם וואוּנְדֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז שְׁטַארְק טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּצַעַר, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס הָאט דָא פַּאסִירְט. אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה אִיז נִגְזַר גֶעוָוארְן אוּן צוּלִיבּ דֶעם טְרוֹיעֶרְט עֶר זֵייעֶר.

אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה, וָואס דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואכְן נָאכְדֶעם, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען בְּצַעַר, אוּן יֶעצְט אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט"? הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעוִויזְן צוּ פְרֶעגְן אַ גֶעוִויסְן תַּלְמִיד, וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה.

אִיז מֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם תַּלְמִיד פְרֶעגְן וָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל פְרֶעגְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט "רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער פוּן דִי חֶבְרַיָּא קַדִּישָׁא הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ טַאבַּאק פוּשְׁקֶע אוּן גֶעשְׁמֶעקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, הֲיִתָּכֵן, אַזַא פַארְבְּרֶעךְ, גֶעוָואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט פַארְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקּוֹדֶשׁ בָּרוּךְ הוּא, עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זָאל טוּן אַזַא זַאךְ? עֶס אִיז אַ הֶפְסֵק אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אִים דַן גֶעוֶוען לְכַף חוֹב, אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים מִיתָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג פוּן מִיר וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, וַוייל עֶס אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס וֶוערְן מְגוּלְגָל אִין בְּלֶעטֶער אוּן אִין גְרָאז, אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ זֵיי צוּ מְתַקֵּן זַיין, וַוייל קֵיינֶער עֶסְט זֵיי נִישְׁט, מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם, מען צֶעטְרֶעט זֵיי, אִיז וִוי אַזוֹי בַּאקוּמֶען זֵיי אַ תִּיקוּן?! הָאט דֶער רַחְמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַז מֶען נֶעמְט זֵיי אוּן מֶען טְרוּקְנְט זֵיי אוֹיס אוּן מֶען מַאכְט טַאבַּאק פוּן דֶעם, אַזוֹי אַז מֶען שְׁמֶעקְט זֵיי אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען הָאט דִי נְשָׁמָה אַן עֲלִיָּה, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַן זַיין דֶעם חַבֶר לְכַף זְכוּת. אַזוֹי הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר דִי תַּלְמִידִים.



בית המדרש פון בעל שם טוב אין מעזיבוז

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "וִוי נָאר דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעקוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיף זַיין חַבֶר אוּן גֶעפַּסְקְ'נְט אַז עֶר דַארְף שְׁטַארְבְּן, הָאט מֶען אַזוֹי גֶעפַּסְקְ'נְט אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף אִים אַלֵיין, אַז עֶר דַארְף שְׁטַארְבְּן וַוייל עֶר הָאט דַן גֶעוֶוען אַ אִיד לְכַף חוֹב, אָבֶּער עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, וַוייל עֶר הָאט דַן גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ פַּאסִירְן צוּ אִים? הָאבּ אִיךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל מְבַטֵּל זַיין דֶעם גְזֵירָה פוּן דֶעם תַּלְמִיד, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען הוֹשַׁעֲנָה רַבָּה אוּן עֶר הָאט דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת זַיין חַבֶר, אִיז גֶעוָוארְן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז מֶען הָאט גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף אִים, אוּן עֶס אִיז נִמְתָּק גֶעוָוארְן אַלֶע דִינִים, עֶס אִיז אָרוּס דֶעם פְּסַק דִין אַז עֶר גֵייט לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

(שיחות מוהרא"ש חלק י', אות מדה כנגד מדה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



פ"ג

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַייְנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, הָאט מֶען אָנְגֶעגָאסְן דֶעם בֶּעכֶער פַארְ'ן רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן קִידוּשׁ, דֶער בֶּעכֶער הָאט זִיךְ אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט און דִי וַויין הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיף דֶער עֶרְד, מְ'הָאט אָנְגֶעגָאסְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ צְוֵוייטְן בֶּעכֶער וָואס אוֹיף דֶעם הָאט עֶר קִידוּשׁ גֶעמַאכְט. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "הַיינְט הָאבְּן מִיר אַייְנְגֶעפְלַאנְצְט דֶעם נָאמֶען 'בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים'.

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער חַזָן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר וִויל זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען. דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדָה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, הָאט עֶר וִוידֶער גֶעבֶּעטְן צוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת און דֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אַקְרוּקְתָא" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג'), וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער, "וֶוער עֶס הֶערְט זִינְגֶען פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע, מַאכְט דָאס אִיז שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת ה', עַיֵין שָׁם. און דַאן הָאבְּן דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט גֶעזֶען דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן דֶעם חַזָן, און זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן דֶערְפוּן.

אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, נָאךְ הַבְדָלָה, הָאט אִים אָבֶּער דֶער רֶבִּי יָא גֶעזָאגְט, "נוּ, זִינְג הַמַבְדִיל!", עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען וִוי אַ חַזָן, און וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "חָלְפָה עוֹנַת מִנְחָתִי", הָאט עֶר זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען, און עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט זַיין שְׁטַארְקֶע שְׁטִימֶע, "חָלְפָה עוֹנַת מִטָתִי", און סְ'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער. עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן און אִיז אַנְטְלָאפְן, און מֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין חַזָן.

נָאךְ שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים און דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה פוּן שְׁטָאט, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְנֶעמֶען אַלְס רָב אִין שְׁטָאט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, און דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, און הָאט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט נָאר אִים דַארְף מֶען דַאנְקֶען וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן רָב בַּיי אוּנְז, נָאר אֲפִילוּ דִי פֶערְד וָואס בְּרֶענְגֶען אִים".

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט מִיט דִי זְכוּתִים פוּן זַיינֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַז זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן זָאל ווערְן רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ בִּירוּר הַמְדַמֶה אִין פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת", און עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פוּן אִים.

וֶוען רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר דָארְט גֶעמַאכְט אַסַאךְ גִיטִין און סִדוּרֵי קִידוּשִׁין, אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין שְׁטָאט אַסַאךְ פְּסוּלִים, און אַסַאךְ וָואס הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגֶע קִידוּשִׁין וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וַוייל עֶס הָאבְּן דַאן גֶעוואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ', און וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ אִים, און זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# די וועלטס אינגסטער פילאט



ישראל דוד העסקעל

**יענעם** צופרי יענעם האט מיין מאמע מיך נישט געדארפט וועקן, איך בין אויפגעשפרונגען פון בעט ווי א לייב! די עקסייטמענט איז גאר גאר גרויס, ס'איז סוף יאר און מ'גייט גיין אויף א מעידזשער טריפ. ס'איז גארנישט אזוי פשוט, די גרויסע קינדער פון די עלטערע כתות זאגן עדות אז די יערליכע טריפ פון חדר איז גארנישט קיין קינדער שפיל, דא קומט א גאר ערנסטע טריפ...

א גאנצע נאכט האב איך זיך געוואלגערט אין בעט מיט אלע מינע פאנטאזיעס, ווי אזוי עס גייט אויסקוקן די טריפ, וואו וועל איך זיצן אויפן באס? נעבן וועמען? וואו גייט מען גיין? כתה ד' איז שוין עכט גרויסע קינדער, איך בין שוין עכט גרויס...

מודה אני, אפגיסן נעגל וואסער. קום שנעל עסן עפעס פאר פרישטאג, דא האסטו צוויי דאללער. אויף די צעטל וואס מ'האט נעכטן אהיימגעברענגט פון חדר שטייט אז יעדער זאל זיך מיטברעגן עפעס צו עסן פאר מיטאג, ווייל מ'גייט זיין כמעט א גאנצן טאג ביים טריפ, לויף שנעל צום קארנער - זאגט מיר מיין מאמע, גיי צו אפפעלס גראסערי און קויף דיר א סענדוויטש, געב נאר אכטונג קויף נישט קיין ציפעדיגע....



איך בין דאך אבער א שווערע אוואנטוריסט, שטייענדיג דארט ביים קליין באקסל סענדוויטשעס אינעם גראסערי, פאלן מיינע אויגן אויף די טונא דזשאלעפינא סענדוויטש... נאכן גוט שוקל זיין מאך איך זיך א חשבון איך בין שוין גרויס, איך קען עס זיכער הענדלען, איך וועל זיין אקעי מיט דעם, יא איך נעם עס (לאמיך אייך שוין פארציילן איך בין יענער טאג געבליבן זייער הונגעריג...).

שנעל טו אן דיין בריעפקעיס, די באס איז שוין דא, א גוטן טאג האב פאן ביי דיין טריפ, געדענק צו עסן און טרינקען גענוג, ביי ביי מאמי, א גוטן טאג!

נא וואס איז די גרויסע סופרייז טריפ? מ'גייט צו א עראפלעין מיוזיעם! יעדער גייט קענען גיין אויף עכטע עראפלאנען און זען פונדערנאנט א ריזיגע עראפלאנען!!! מעכטייייג... אוי זעמיר געווען עקסייטעד

ביז די הימל...

מיר קומען אן דארט, די מנהל איז געווארן מער א בחינת פון ראש מדריכים, ער שטייט מיטן מייק אין די הענט און רעכנט אויס אלע תקנות און אנווייזונגען ווי אזוי זיך אויפצופירן און מאכן א קידוש השם.

און דארט זיצט ער אויפן עראפלאן אין קאקפיט, ארומגענומען מיט אלע קנעפלעך, דער אינגסטער פילאט אין היסטאריע, דער כיתה ד' אינגל ישראלי העסקעל, ער כאפט אן דעם ספעציעלן רעדל, ער דריקט אלע לעמפעלעך, ער קוקט איבער אלע ווייזערלעך, אלעס שטימט,ער רופט אויס: "רעדי פאר טעיק אָף..."

****

לעצטע וואך בין איך דורך עטליכע פלענער פאר די אנשי חיל קאמפיין צוזאמען מיט העסקן מו"ה אהרן פיש הי"ו און איינס פון די געדאנקען וואס זענען ארויפגעקומען איז געווען אז אפשר קען מען מאכן רעקארדירונגען פון מענטשן וואס פארציילן ווי אזוי היכל הקודש האט זיי געהאלפן אין לעבן.

ברענג ארויף איינעם ער זאל זאגן "ווען נישט דער ראש ישיבה וואלט איך היינט געווען א דשאנקי וואס וואלגערט זיך אויף די גאס..." איינער זאל פארציילן "איך בין אנגעקומען אלס בחור אן גארנישט אן קיין שטוב אן איינער וואס זאל פאר מיר זארגן,

און דער ראש ישיבה האט זיך מיט מיר אפגעגעבן, מיך אויסגעמענטשלט און חתונה געמאכט, און היינט פיר איך א שיינע שטוב."

ארי - זאגט ישראלי, דו קענסט אויך ארויפקומען פארציילן וואס דו האסט דא באקומען ביים רבי'ן!

קודם ענטפער איך "זיכער!" און נאכדעם הייב איך אן טראכטן וואס וועל איך זאגן, ווי אזוי כאפ איך אן וואס איך האב דא באקומען?

חתונה געהאט בין איך שוין געווען פאר איך בין מקורב געווארן. קיין דזשאנקי בין איך ברוך השם נישט געווען. חובות האב איך נישט פארמאגט. א כלומר'ישע שיעור האב איך אויך געהאט. ווי אזוי קען איך ארויסברענגען וואס איך האב דא באקומען?

די קשיא האט מיר געדרילט אין קאפ א טאג צוויי, איך בין דאך ממש אויפגעראכטן געווארן אין היכל הקודש, איך האב באקומען דא לעבן, אבער ווי אזוי כאפ איך עס אן, וואס זאג איך? איך האב באקומען לעבן? וואס? פארדעם בין איך נישט געווען לעבעדיג? איך האב באקומען א ווייב? און פארדעם האב איך דען נישט געהאט א ווייב?

ביז איין טאג האט עס געקליקט אין מיין קאפ! איך האב אלעס געהאט פונקט אזוי ווי איך בין געווען דער וועלטס אינגסטער פילאט... וואס לאכסטו? בין איך דען נישט געווען קיין פילאט? וואס הייסט איך בין דאך געזעסן אינעם קאקפיט און געדריקט די קנעפלעך....



יא הע הע... עקזעקטלי! פאר איך בין מקורב געווארן האב איך אלעס געהאט, אבער ווי אין א מיוזיעם... איך געהאט א ווייב, געהאט קינדער, געהאט א שיעור, א לעבן, אבער אלעס כאילו ס'איז נישט געווען עכט, די עראפלאן איז נישט געפלויגן אין ערגעץ, ס'איז געווען שיין פארקירט אינעם מיוזיעם...

וואס האב איך באקומען? לעבן! פשוטו כמשמעו. א וועג פאר מיר ווי אזוי איך קען לעבן מיט מיין ווייב, מיט מיינע קינדער, א סדר דרך הלימוד איך זאל זוכה זיין צו קענען לערנען כח התורה כולה! אלע זיסע לעכטיגע עצות פונעם רבי'ן ווי אזוי צו פירן א תכלית'דיגע לעבן. איך האב באקומען אן עראפלאן וואס קען פליען, נישט וואס זיצט און זאמלט שטויב ביז די זיבעציג אכציג יאר וואס א מענטש לעבט, און נאכדעם טרעפט ער זיך בעעעה... אויסגעשפילט פון דער וועלט...

שכח אייבערשטער האסט אויף מיר רחמנות געהאט און מיך געברענגט צו פלאץ פון תכלית, צו א פלאץ פון אמת, א פלאץ ווי איך קען לעבן, נישט סתם זיך דורכדרייען יארן אן קיין פארוואס און אן קיין פארוואן.

באשעפער העלף איך זאל אייביג געדענקען וואס איך באקום דא, איך זאל אייביג בלייבן מקושר צום הייליגן רבי'ן מיט תמימות, און קיינמאל חלילה ווערן א "חכם" וואס קען אליין פליען א פליגער וואס זיצט אין מיוזיעם....

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**


dominogrp.com

ב"ה

שבת פרשת
מטות מסעי
תשפ"ד לפ"ק

מרישא
ועד
גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

איש אמונות
תש"פ חלק א'
פערטע פאזע:
4 דרוקן

עצתו אמונה
חלק י"א
ערשטע פאזע:
1 הגהה

ליקוטי מוהר"ן
עם פירוש שפתי תפתח, סימן ד'
צווייטע פאזע:
2 אריסשטעלן

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

פרשת קרח תשפ״ד



שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודהביים ראש ישיבה שליט״א שבת אינדערפרי פרשת קרח. איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן מיטצוטיילן פאר די חשובע לייער פונעם ברסלב בלעטל ווי ווייט איך געדענק וואס איך האב געהערט און געזען ביי די פרייליכע סעודה פון דער ראש ישיבה, די סעודה איז געפארן רואיג און גאנץ שנעל, נישט געצויגן אבער זייער פרייליך.

### יעדער זאל פאטשן פאר יוסף

ווען איך בין אנגעקומען צו די סעודה האט שוין דער ראש ישיבה געהאלטן אינמיטן די סעודה.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב: ״האסט אריינגעקוקט אין די מחיצה? האסט געזען ווי שיין די קינדער זענען געשטאנען און מיטגעהאלטן די דאווענען?

דער ראש ישיבה האט גערליינט נאכאמאל די אויסצייכענונג בריוו וואס יוסף'ס מלמד האט געשיקט, און נאכאמאל געמאכט א עסק ווי פרייליך ער איז אז יוסף איז וואויל אין חדר. דער ראש ישיבה האט געהייסן יעדער זאל פאטשן פאר יוסף. דער ראש ישיבה האט נאכאמאל און נאכאמאל איבערגעליינט די צעטל ווי וואויל יוסף איז, און געהאלטן און איין זאגן יעדער זאל פאטשן פאר יוסף, און אז יוסף וועט היינט טיילן די אייסעס, דער ראש ישיבה האט מיר געוויזן מיט די הענט אז יוסף'ס רבי איז עפעס א ספעציעלע מלמד.

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה געגעבן א קאמפלימענט פאר זיין ווייב ווי גוט די עסן איז.

### פארצייל עפעס

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אינמיטן די סעודה: ״זאג עפעס״. איך האב נישט געוויסט וואס צו זאגן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: האסט עפעס געהערט? אדער געזען? האב איך נאכגעזאגט וואס איך האב געזען אין א קונטרס, אז די פשוטע אידן זייער עולם הבא וועט זיין לויט וויפיל דביקות זיי האבן געהאט אין צדיקים. דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט דערפון.

מ'האט גערעדט אויב מען דאווענט דא שנעל, האב איך געזאגט אז די דאווענען איז נישט שנעל, עס איז א שיינע געשמאקע דאווענען. האט דער ראש ישיבה פארציילט אז אנפאנג פלעגט מען אים רודפ'ן אז די דאווענען איז נישט מסודר, פלעגט ער זיי זאגן: "גיבט מיר א מינוט איך וועל מאכן א שענערע קהילה ווי עטץ ווילסט", מען האט פשוט קוים געהאט מנין מיט וועם צו גיין צום טיש.

**איך בין מתפלל צום אייבערשטן זאל אים היטן, ווייל ווער ווייסט צו ער וועט נישט פאלן א קרבן ערגעץ ביי א שבת נאכמיטאג, אדער ביי א צווייטן'ס שטוב.**

### וועו הייבט זיך אן חינוך?

ר' אליעזר שמן נרו יאיר - וואס איז געווען ביי די סעודה - האט געפרעגט פון וויפיל יאר מען דארף זיך שטעלן אויף חינוך, האט דער ראש ישיבה געזאגט פון כיתה א'.

דער ראש ישיבה האט גערופן ר' אליעזר'ס קליינע קינדער און זיי געהאלטן אויף זיין שויס, די קליינע אינגל האט קודם נישט געוואלט קומען, האט אים דער ראש ישיבה געוויזן קוק ווי איך האלט דיין קליינע בעבי שוועסטער, איז ער אויך געקומען. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "יעצט איז דאס ארגינעל, ווייל מען קען נישט מאכן קיין בילד"

### חתונות אין שטעטל

דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט אים עינינים בנוגע די מוסדות, און געזאגט אז איינער וויל מאכן א חתונה אין די מוסד בנין אויב עס איז מעגליך? האט אליעזר געזאגט אז יא! און ער האט אויסגערעכנט ווי אלעס קען מען מאכן ארבעטן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב דאס נישט געוואלט ארויפלייגן אויף דיר".

מען האט געהערט די קינדער זיך קריגן הויעך אינדרויסן, האט דער ראש ישיבה געגעבן א שריי הויעך "וואס גייט דארט פאר"? אבער גלייך נאכדעם האט ער ווייטער געשמועסט מיט א רואיגקייט כאילו לא היה.

די קליינע יחזקאל'ע איז זעט אויס אויך געווען פארמישט אין די קריגעריי פון די קינדער, און ער האט געוויינט און געוויינט און זיך נישט בארואיגט. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ער געדענקט שוין נישט פארוואס ער וויינט".

### א רחמנות אויף די קינדער

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען ער זעט א ב'חנ'טע קינד וואס לערנט אין א חדר וואס מען רעדט נישט צו די קינדער פון קדושה, אז מען דארף זיך היטן פון מניוולים, בין איך זייער דערשראקן פאַר אים. און איך בין מתפלל צום אייבערשטן זאל אים היטן, ווייל ווער ווייסט צו ער וועט נישט פאלן א קרבן ערגעץ ביי א שבת נאכמיטאג, אדער ביי א צווייטן'ס שטוב, וכדומה.

דער ראש ישיבה האט זיך געגעבן א דריי אויס און געפרעגט: "האלטסט אנדערש? דו האלטסט אז איך רעדט פון היץ?" האב איך געזאגט: "איך ווייס נישט אזוי פיל מעשיות וויפיל דער ראש ישיבה ווייסט".

### גזירות החינוך

מען האט געשמועסט פון די גזירות החינוך, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גייט זיך נישט אוועקרירן קיין ריר פון די חינוך פון אונזערע צדיקים, אפילו זיי וועלן אויפהערן געבן געלט, איך בין נישט אנגעוויזן אויף זיי, ביז ווילאנג זיי געבן די געלט אזוי, נעם איך דאס, אבער אויב מען דארף רירן די חינוך, דארף איך נישט זייער געלט!! למעשה - האט איינער געפרעגט - עס איז דאך אסאך געלט? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך בעט דעם אייבערשטן אז אונזערע אינגעלייט זאלן מצליח זיין, און זיי וועלן שוין ארויסהעלפן". אויך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז העכסטנס וועט מען שוין מער נישט מוזן האבן בלויע מילך און האלווע ברויט וואס די רעגירונג גיבט, מען וועט האבן געהעריגע רויטע מילעך...

### די סוף פון קרח

דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער און זיי פארציילט אויף אן אינטערעסאנטן וועג ווי אזוי קרח האט גענומען אפאר הונדערט מענטשן און זיי געגעבן א בלויע טלית פון תכלת אן קיין ציצית, און זיי זענען געגאנגען צו משה רבינו און געפרעגט אויב מען דארף דא לייגן ציצית? האט משה רבינו געזאגט: "יא". האבן זיי געזאגט: "קוק די גאנצע טלית איז פון תכלת, און אזוי געדענקען אונז שוין פונעם אייבערשטן". האט משה רבינו געזאגט: "איך ווייס גארנישט, אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט, מען דארף פאלגן וואס דער אייבערשטער הייסט". האבן זיי גענומען לאכן און שפעטן, ביז זיי זענען צום סוף ארייננגעפאלן אין גיהנום.

### אוי ווי גוט צו זיין א איד

דער ראש ישיבה האט געזינגען מיט די קינדער "אמאל בין איך געגאנגען אין א ליכטיגע גאס האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האט ער געזאגט ס'גוט! אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א איד, אוי ווי גוט צו זיין א יודעלע, ווען דער ראש ישיבה האט געזינגען "האב איך אים

"געגעבן שלום עליכם" האט ער געגעבן שלום עליכם מיט די הענט פאר די קינדער.

נאכדעם האט מען געזינגען ווייטער "אמאל בין איך געגאנגען אין א טינקעלע גאס". (בשעת'ן זינגען דעם שטיקל האט דער ראש ישיבה איבערגעדרייט די גלעזער און צוגעדעקט די אויגן מיט די פיאות, און ער האט געזינגען אזוי דערשראקענערהייט) "אמאל בין איך געגאנגען אין א טינקעלע גאס האב איך געטראפן א גוי האב איך אים געגעבן א ... האט ער געשריגן אוי, אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי, אוי ווי שלעכט צו זיין א גוי'עלע.

ווען עס איז געקומען צו "האב איך אים געגעבן א ..." האט דער ראש ישיבה געגעבן א קלאפט צוזאם זיין הענט מיט די הענט פון איינע פון די קינדער. עס איז געווען פרייליך יעדער האט געלאכט.

## די אייסעס געים

מען האט אריין געברענגט אייסעס, אבער אפאר פון די אייסעס זענען נישט געווען פארפרוירן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב וואס מען טוט דא אז עס איז נישט דא גענוג? האט זי געזאגט אז מען זאל געבן נאר פאר די קליינע קינדער, און פאר די גרויסע מענטשן זאל מען ברענגען פאקסיס, פון דעם איז דא אסאך!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יוסף גייט דאס טיילן. יוסף האט אנגעפאנגען די שפיל וואס איז שוין באקאנט פאר די ליינער, וועלכע האסטו ליב? איך האב ליב דעם אייבערשטן! וועלכע גלייכסטו? און מען זאגט די קאליר וועלכע פאקסי וואס מען דארף! אסאך מאל ווען מען שפילט די שפיל, און דער ראש ישיבה וויל מאכן פרייליך פרעגט ער "דארפסט מיט א שידוך אדער אן א שידוך? מיט א שפיצל אדער מיט א שייטל? מיט א פיקל אדער אן א פיקל?" איך פרעג זיי וואספארא פיקל רעדט מען? זאגן די קינדער א סאוער פיקל. ווען עס איז געקומען אז יוסף זאל געבן פאר איינע פון זיינע ברידער, איז ער געווען אין די גוסטע צו פרעגן אסאך קשיות, ביז דער ראש ישיבה האט אים געזאגט "גיב אים שוין".

דער ראש ישיבה האט געמאכט זיכער אז יעדער אפילו די טאטעס זאלן באקומען א פאקסי.

דער ראש ישיבה האט פראבירט צו עפענען א אייסעס פון א קינד, און עס איז נישט געגאנגען! האט איינע פון די קינדער זיך אנגערופן: "איך קען דאס עפענען". האט דער ראש ישיבה אים דאס געגעבן צו עפענען! למעשה איז דאס נישט געגאנגען, האט דער ראש ישיבה עס צוריק גענומען און פרובירט נאכאמאל, און א צווייטע קינד האט געזאגט "איך קען"! האט ראש ישיבה האט טאקע מיט געדולד דאס געגעבן פאר דעם אנדערן קינד צו פרובירן עפענען.

אפשר זעט עס אויס ווי דאס איז סתם שטותים, אבער איך האב געטראכט אז ס'איז א לימוד וואס די ליינער וועלן הנאה האבן, ווייל די וועג ווי אזוי דער ראש ישיבה האט געגעבן די אייסעס פארן קינד צו עפענען, איז נישט געווען ווייל ער דארף טאקע צוקומען צו זיין הילף, עס איז געווען אזוי ווי איינער וואס האט סבלנות און ער גיבט די געלעגנהייט אז די קינד זאל פילן גוט אז ער קען דאס עפענען, און אז ביי דעם קינד גייט דאס נישט, גיט ער די געלעגנהייט פאר אן אנדערן קינד, מיט סבלנות, געדולד און ליבשאפט.

## זמירות מיט א געשמאק

מען האט געזינגען זמירות, ווען מ'איז אנגעקומען צו "דרור יקרא" האט דער ראש ישיבה מכבד געווען יעדן איינעם צו פארזאגן איין שטיקל דרור יקרא לבן עם בת 'בת' 'בת' 'בת', עס איז געווען גאר פרייליך.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אין די סדרה איז מרומז זיין נאמען צוזאמען מיט מוהרא"ש "בוקר ו'יודע ה' א'ת אש"ר ל'ו" איז די ראשי תיבות פון יואל צוזאמען מיט אש"ר וואס דאס איז מוהרא"ש.

ביים בענטשן האט דער ראש ישיבה געזען אז יעדע קינד זאל האבן א בענטשער צו בענטשן פון אינעווייניג. מיט די גאר קליינע קינדער האט דער ראש ישיבה געבעטנשט מיט זיי צוזאמען.

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געטאנצן אויפן ניגון "ונשגב ה' לבדו" און האט זייער פרייליך געמאכט ער האט געטאנצן כל מיני וועגן ביז יעדער איז געווארן פרייליך און געלאכט.

## סך הכל פונעם סעודה

סך הכל וואס איך האב געזען ביי די סעודה איז, ווי אזוי דער ראש ישיבה האט אריינגעברענגט יעדע קינד אין די סעודה מיט סבלנות און געדולד יעדער אויף זיין וועג.

> **"איך הייס גארנישט, אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט, מען דארף פאלגן וואס דער אייבערשטער הייסט". האבן זיי גענומען לאכן און שפעטן.**

אויך עס איז געווען זייער פרייליך.

ועל כולם, די רעספעקט וואס דער ראש ישיבה גיבט פאר זיין ווייב, זי איז געזיצן קעגן איבער דעם ראש ישיבה, און די גאנצע שמועס איז געווען מיט איר, און ביים סעודה האט ער א גאנצן צייט געפרעגט וואס זי האלט אויף יעדע זאך.

# Strawberry Pie

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

CRUMBS:

- 3 CUPS FLOUR
- 1 1/4 CUP SUGAR
- 1 TSP VANILLA SUGAR
- 3/4 CUP OIL
- 1 EGG
- 1 TSP BAKING POWDER

STRAWBERRY FILLING:

- 1 BAG FROZEN STRAWBERRIES, SLICED
- 2 TBSP FLOUR
- 1 TBSP LEMON JUICE
- 1/2 CUP SUGAR
- 1/2 TSP CINNAMON

## DIRECTIONS:

MIX ALL CRUMB INGREDIENTS IN ONE BOWL, AND STRAWBERRY FILLING IN A SEPARATE BOWL.

BAKE IN TWO 9" ROUND PANS OR ONE 9X13 PAN.

PUT APPROX. HALF OF CRUMB MIXTURE (9X13) OR APPROX. 1/4 OF MIXTURE (9" ROUND PAN, IN EACH PAN)

THEN PUT STRAWBERRY MIXTURE AND TOP WITH THE REST OF THE CRUMBS.

BAKE 350 1 HOUR



# וועלכע קנעפל דרוק איך?!

ש. קורדובה



מרים די פרינצעסן,
גייט גאר געלאסן.
פון א קעניגליכן שפאציר,
קומט זי דארט אהין.

זי ווערט דערשראקן בלאס,
זי פראבירט ארומגיין די פאלאץ,
אפשר די טיר פון אינטן איז נישט פארשפארט.
אבער ניין עס ווערט איר שווארץ.

צוריק זי גייט,
טרויערדיגערהייט.
צו די גרויסע טיר,
וואס איז פארשפארט פאר איר.
נאר קעמרא׳ס זי זעט,
די קנעפל צו אריינגיין איז איר פארשטעלט.
אט זי טרעפט נעבן איר,
אסאך קנעפלעך אויפן טיר.

אבער וואס עפנט אויף וועלכע טיר?
און וועלכע עפנט אויף פאר איר?
איין זאך איז איר ציל,
אריינגיין צו איר טאטע זי וויל.

אויף אלע קנעפלעך זי קוועטשט,
און צו טראכטן צו עס איז מעטשט.
מרים לויפט אריין,
צו איר טאטעניו אליין.
איר טאטע זאגט צו איר,
קומט דא אהער צו מיר.

איך ווייס נישט וואס דו האסט געמיינט,
מיטן קוועטשן און א באדייט.
דו האסט געעפנט יעדע טיר,
יעדע שלאס ביז מיר!

אסאך מאל בעטן מיר צומישטע זאכן,
און מען טראכט אז עס טוט נישט דערגרייכן.
מען בעט אויף איינעם זאל ווערן געזונט,
אדער מען זאל האבן געדולד.

מען טראכט וואס האט שוין אויסגע׳פועל׳ט,
מיינע קליינע ווערטער וואס איך האב אויסגעלויבט.
אדער דער אייבערשטער זאגט אונז אצינד,
שעפעלע, מיין טייער קינד.
איך ווייס אז דיין ציל,
איז צוקומען צו מיר.

מיט דיין קליינע טרוקענע ווארט "אייבערשטער, באשעפער",
עפנסטו אויף אלע טויערן און שלעסער!!!
לאמיר זיין קלוג און ניצן אונזער קנעפל - די מויל,
אזוי וועלן מיר דערגרייכן אונזער גאול.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



וויכטיגע מיטינג אין קרית ברסלב מיט אלע פארשטייערס פון די קהילות וואס זענען אין אפסטעיט א גאנץ יאר



ביים באזוכן אידן אין תפיסה זונטאג מטו"מ

קרעדיט: מעכל ראזענפעלד



אינגעלייט פארברענגען שיין און אילן החיים

קרעדיט: יענקי פיש



הדר פירן פון הילד ביינישׁ נ"י בן מו"ה הערשל בוים שליט"א





דער ראש ישיבה ביים אונטערשרייבען א שטר שותפות מיט ר' בניהו אונגאר פאר די קרן הדפסה היכל הקודש

קרעדיט: לייבי ראטה



די קרית יואל ברסלב חדר אויף א באזוך אינעם פארם פון ר' יואל גליק הי"ו, צו באטראכטן די נפלאות הבורא

קרעדיט: נפתלי זאבעל




ר שלום אלי' אינדיג נ"י, ביים גיין הפצה אין מאנטריאלע גאסן



מנחה שבעה עשר בתמוז אין ביהמ"ד ליקוטי מוהר"ן

קרעדיט: שמעון פורטגאל



אנ"ש ביים אויספאסטן מוצאי שבעה עשר בתמוז

קרעדיט: יוסי פרערויא



**קריאת התורה ביי מנחה שבעה עשר בתמוז**
קרעדיט: יוסי פרערויא




**ברית פון בן מו"ה הערשל כ"ץ הי"ו**
קרעדיט: יוסי פרערויא



**להיים פון החתן חיים ישראל נ"י בן מו"ה יצחק אפעלבוים הי"ו עב"ג מו"ה משה אהרן שפילמאן הי"ו**




**דער ראש ישיבה ביים ארומגיין נאך געלט ביי די מנינים שחרית מיט זיין חשובער שווער שליט"א**
קרעדיט: לייבי ראטה





**שיעורים כסדרן אין מהנה אילן החיים**
קרעדיט: יוסי פרערויא



**כולל היכל הקודש אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין**

קרעדיט: יענקי פיש



**היכל הקודש בראכפעלד אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין**

קרעדיט: זלמן ויזל



**היכל הקודש אלעד אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין**

קרעדיט: נח לוין






**היכל הקודש בני ברק אין בעפארגרייטונג צום אנשי חיל קאמפיין**

קרעדיט: שמעון פיש














**בית התבשיל אווענט אין קרית ברסלב זונטאג מטו"מ**

קרעדיט: יוסי פרערויא, אייזיק ראטה, שמעון פורטוגאל




מאנטאג דברים - ראש חודש אב, 6:30 נאכמיטאג
רופט אריין קול ברסלב און גייט צום קינדער אפטיילונג
212-444-9191 #5

האלט מיט לייוו
די געוואונער
פונעם חודש!

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## דִי פִישֶׁעלֶעךְ טַאנְצְן אַרַיין אִינֶעם שִׁיף

וואוּ הָאט דֶער רֶבִּי חַתוּנָה גֶעהַאט, וֶוער וֵוייסְט?

דֶער רֶבִּי הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל אוּסְיַאטִין; דָארְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין שְׁטִילֶע פְלֶעצֶער וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חַבֶר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט, עֶר זָאל טוּן נָאר מִצְוֹות אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים

דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען זֶען, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ, זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן

אִין דִי שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין לוֹיפְט אַרִיבֶּער אַ וַואסֶערְל, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע טַייךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע שִׁיפֶעלֶע, עֶר פְלֶעגְט אַרִיבֶּער שְׁוִוימֶען צוּם אַנְדֶערְן זַייט בְּרֶעג, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט, גֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁוִוימֶען מִיטְ דִי שִׁיפֶעלֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶע שֶׁען אַ נֵס, עֶס זָאלְן אַרַיינְטַאנְצְן אַפָּאר פִישֶׁעלֶעךְ אִינֶעם שִׁיפֶעלֶע; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ וִויל זֶען אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר; אִיךְ בֶּעט יֶעצְט עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי פִישׁ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שִׁיף", פְלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער רֶבִּי וִוי פִישׁ הֵייבְּן אָן אַרַיינְטַאנְצְן אִינֶעם שִׁיף; דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, וַוייז מִיר וִוי דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת!"

קִינְדֶער, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַת כָּל פֶּה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ'ס גֶעבֶּעט; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער



שְׁכַּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פִישֶׁעלֶעךְ!

# קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך בין געפארן מיט א בייק, מיין ציצית איז אריינגעגאנגען אין די רעדל און ס'האט זיך צוריסן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א וועג וויאזוי די ציצית זאל נישט אריינגיין אין די רעדל און זיך נאכאמאל צורייסן.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א וועג אז ס'זאל נישט אריינגיין אין די רעדל, און ברוך השם ס'צורייסט זיך שוין נישט מער.

*חיים טייטלבוים, קרית ברסלב*

ס'האט גערעגנט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל סטאפן צו רעגענען כדי מ'זאל קענען גיין שווימען. למעשה האט ווייטער גערעגנט, אבער איך האב נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל אויפהערן רעגענען.

שכח אייבערשטער אז צען מינוט פארן דארפן גיין שווימען האט אויפגעהערט צו רעגענען.

*בערל יאקאבאוויטש, קרית ברסלב, 10 יאר*

איך האב געדארפט גיין צו א דענטיסט אפוינטמענט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין דארט קיין גוים און אויך ס'זאל נישט נעמען לאנג.

שכח אייבערשטער אז ס'דארט נישט געווען קיין גוים, און די גאנצע זאך האט גענומען זייער שנעל.

*יושע הייזלער, קרית ברסלב 9 יאר*

איך בין געליגן אין בעט און נישט געקענט איינשלאפן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען איינשלאפן כדי צו זיין אויסגערוהט פאר מארגן צו קענען גיין אין סקול

שכח אייבערשטער איך האב געקענט איינשלאפן.

*שרה גיטל פעלדמאן, קרית ברסלב, 8 יאר*

# געמאלן

א מעשה פון תפלה



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
פַאר דִי פֵיינֶע
שְׁוִוים



אוֹי וֵויי, סְ'הֵייבְּט
אָן רֶעגֶענֶען
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף סְ'זָאל נִישְׁט
רֶעגֶענֶען.



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
סְ'הָאט
גֶעסְטַאפְּט צוּ
רֶעגֶענֶען

געמאלן דורך:
רייצי וועבערמאן תחי'



אִיךְ בִּין גֶעוֶוען
זֵייעֶר דִיזִי נָאכְן
פָארְן אוֹיפְן בָּאס



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
נִישְׁט זַיין דִיזִי



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
אַז וֶוען מַיין
מַאמֶע אִיז
אַהֵיימְגֶעקוּמֶען
הָאבּ אִיךְ שׁוֹין
גוּט גֶעשְׁפִּירְט

געמאלן דורך:
שפרה צוסמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט ליב געהאט דעם גראבן סידור!

## ברסלב'ע חידות

**מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם מאמר חז"ל אז ווען א מענטש איז פרייליך שבת ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ער**

א. איז מקריב א קרבן
ב. איז פרייליך אינמיטן די וואך
ג. פאסט טויזנט תעניתים
ד. לאכט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט אין שיחות הר"ן: דורך שלאפן באקומט מען א שטערקערע אמונה.

## גייט אריין אינעם גורל

די גורל וועט פארקומען **לייוו אויף קול ברסלב**, **מאנטאג דברים 6:30 נאכמיטאג**, אנגעפירט דורכן חשובן מלמד

**הרב יואל טייטלבוים שליט"א**

## א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה - חלק ראשון

**יג. עַל יְדֵי רִבּוּי אֲכִילָה, נוֹפְלִים מֵאֱמוּנָה.**

אַז מֶען עֶסְט צוּ סַאךְ, פַּאלְט מֶען פוּן דִי אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**אין די דריי וואכן טאר מען נישט הערן קיין מוזיק.**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | ט | ר | ו | י | ע | ר | נ | א |
| פ | ב | י | ב | כ | ל | ל | ב | ו |
| כ | ס | ר | פ | ל | ח | א | ר | י |
| ד | ע | מ | ר | י | נ | י | ו | ס |
| כ | י | ב | ט | ט | פ | י | ח | ג |
| ק | ל | ד | ע | פ | ר | ב | מ | ע |
| ק | ז | ב | ל | ת | א | ע | ג | ל |
| ל | נ | י | ו | ש | ד | ר | נ | י |
| ו | ו | ע | ר | נ | כ | ש | מ | י |
| פ | ת | ג | א | מ | ר | ט | ע | ז |
| ו | ו | ו | ס | נ | י | נ | ד | ט |
| צ | ו | א | ל | ה | מ | ר | נ | נ |
| ט | ו | א | מ | ג | ת | י | י | צ |
| ו | ז | ק | כ | ר | ח | א | ר | ט |
| מ | ד | ז | ע | נ | ו | ב | צ | ב |
| ש | י | י | י | ר | ד | י | נ | י |
| כ | פ | ר | ב | ח | ש | ת | ז | ו |
| פ | ו | נ | פ | י | ו | א | ה | ה |
| ב | י | ט | ע | ר | נ | א | מ | ס |

אין דעם חודש הויבט זיך אן די דריי וואכן וואס מיר טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש, מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן שוין ווערן אויסגעלייזט פון דעם ביטערן גלות בכלל ובפרט.

*(עצתו אמונה קרת תשפ״ב)*

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


מרים פריעדמאן


יואליש סאמעט


צפורה בירנבים


מרדכי'לע אינדיג


אליעזר שלמה
אינדיג און יודי כץ



שיינא חיהלע בלום



# 8 דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש לי"ע

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר: מוֹהֲרָא"ש זי"ע זאגט 18 פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אַלְס אִינְגֶע בָּחוּר. אֵיין טָאג הָאט עֶר בַּאגְלֵייט זַיין טַאטְן צוּ אַן אַסִיפַת רַבָּנִים.




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

# טעיסטערס טשויס קאווע מיט גאלדן פלאו מילך אויפן פליגער.

צו זיין באקוועם אינדערהיים איז זעלבסטפארשטענדליך
נישט קיין קונץ, אבער מיטצונעמען דאסווארט 'באקוועם'
אויפן פליגער אויך, דאס דארף מען שוין קענען באווייזן.
דער פלען-איט-רייט-טשארטער טראגט שוין דעם טיטל
פאר א לענגערע צייט אלס דער רייזע וואס ברענגט מיט
אייערע באקוועמליכקייטן פונדערהיים אויפן פליגער ארויף.

צו פארזיכערן אייער טיקעטס אויפן טשארטער דארף
עס זיין אויסגעצאלט ביז: ב' עקב - חמשה עשר באב

Plan it Rite
Travel the right way

845.678.3555 | planitrite.com

dominogrp.com